STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06391

OYF DI RASHIKE VEGN FUN TSIEN

I. Berebichez

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זבולון א. בערעביטשעו

אויף די ראשיקע וועגן פון ציון

(רייזע איינדרוקן פון אַ באַזוך אין מדינת ישראל)

●

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר

מעקסיקע, ד. פ. 1962 — תשכ"ב

I. A. BEREBICHEZ

POR LOS BULLICIOSOS CAMINOS DE SION

(Impresiones de Viaje)

EDITADO POR EL AUTCR

MEXICO, D. F.
1962

ל א ה ן,

מיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערין, געווידמעט.

דרכי ציון אבלות, מבלי באי מועד, כל שעריה שוממין (איכה, אי).

— די וועגן פון ציון טרויערן, סיקומען מער נישט קיין עולה לרגלניקעס, צו יומטובן. אַלע אירע טויערן זיינען וויסט.

אַדרעס פון מחבר:
I. A. BEREBICHEZ
Apartado 1752
México, D. F.

הקדמה

אין אַ הייסע זומערדיקע נאַכט, אין אַ קליין־שטעטלדיקן בית מדרש. פינסטער און טרויעריק איז די הויז פון גאָט, דער ארון קודש שטייט נאַקעט, אָן אַ פּרוכת. אויף די טרעפּלעך וואָס פירן צום ארון קודש זיצן עטלעכע יידן, אונטערן שיין פון אַ קליין ליכטל, אויף אומגעוואָרפענע סטענדערס זיצט אַן עדה יידן מיט קינות אין די הענט. קליינע פייערלעך נאָענט ביי דער ערד, ווי ליכטיקע נשמות פון לאַנג אומגעקומענע, בלישטשען אין דער פינסטערער שול. דאָרטן ביים ארון קודש צעזינגט זיך אַ טרויעריקער ניגון. עס צעוויגן זיך די שאָטנס ביי דער ערד, די ליכטלעך צושאָקלען זיך. ס'קלאָגט דער טרויעריקער ניגון, יאָמערט אוים דעם צוויי טויזנט יאָריקן צער. דעם פּיין פון דורות, דעם אומגליק פון גלות. „דרכי ציון אבלות". די וועגן מיט מאסן עולי־רגלניקעס וואָס ציען קיין ירושלים פייערן אַ יום־טוב. אַלע יידישע וועגן ליגן אין יאָמערדיקן טרויער.

ווען דער עולם האָט געענדיקט זאָגן די קינות, און צעגייט זיך אַהיים, שטיל, מיט אבלדיקע קעפּ און מיט פאַרוויינטע אויגן, קומען זיך צוזאַמען עטלעכע שכנים און שמועסן וועגן דעם חורבן פון יידישן פאָלק. דער עלטערער, געלערנטער, רעדט שטיל, זאָגט. — ס'איז קיין ספק נישט אַז מיר שטייען פאַר גרויסע הרת עולמדיקע צייטן. ס'הערן זיך די „עקבתא דמשיחא" (די טריט פון משיחן). ס'וועלן קומען שרעקלעכע גוג ומגוג מלחמות, און די וויסטע אבלדיקע וועגן פון ציון, וועלן צוריק אויפגעלעבט ווערן. נישט לאַנג וועט שוין דויערן די „דרכי ציון אבלות". ווידער אַמאָל וועלן אויף די וועגן פון ציון, געהערט ווערן די פרייד פון יומטובדיקע יידן. צו מיר, אונדזער דור, וועט עס דערלעבן, ווייס איך נישט. אָבער אַז אָט דאָס יינגל וועט עס זען, וועט פריידיק שפּרייזן אויף די וועגן פון ציון, אין דעם בין איך זיכער.

מערקווירדיק, אַז פון אַלע איבערלעבונגען האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, יענע זומערדיקע תשעה באב נאַכט. איך האָב

באהאלטן אין הארצן די מיסטישע רייד פון יענעם זקן וואס ריידנ־דיק, האט ער ארויפגעקוקט אין הימל, ווי ער וואלט עם דעשיפרירט די שטערן אין הימל. יארן זיינען אוועק, אייניקע גיך, געשווינט און אנדערע לאנגזאם, שלאבעריק, און אין תשכ׳א, איז מקוים געווארן דאס פארויסזאגן פון יענעם תלמיד חכם. איך האב זוכה געווען צו גיין, פארן אויף די אויפגעוואכטע וועגן פון מדינת ישראל.

אין די דרייצן יאר פון ישראלס אויפקום, היינט אין 1961, האבן הונדערטער טויזנטער יירן „מכל קצוי תבל״ (פון אלע עקן וועלט) באזוכט די יידישע מדינה. צענטליקער ביכער פון רייזע איינדרוקן, זיינען ביז היינט דערשינען כמעט אין אלע לענדער. איז דען נויטיק נאך א בוך פון רייזע איינדרוקן פון מדינת ישראל?

דער גרויסער נס פון דער ווידערגעבורט פון דער יידישער מלו־כהשאפט, נאך קרוב צוויי טויזנט יאר, בארעכטיקט אלע נשמהדיקע אויסגוסן, פון יידישע פען־מענטשן, געלונגענע און ווינציק געלונגענע, וואס זיינען דערשינען ביז היינט און וועלן שפעטער דערשיינען. ס׳איז נעגליכן צו איינעם ווענען ס׳האט געטראפן א גרוים געשעע־ניש און דערציילט עם יעדן וועמען ער טרעפט. דער מענטש קען זיך אליין נישט אפחידושן פון דאס גרויסע געשעעניש וואס האט אים געטראפן.

היינט איז אפשר איבעריק נאך א בוך, א ביכל פון רייזע איינ־דרוקן. אבער יארן וועלן גיין און פארגיין. אין צענטליקער יארן שפע־טער, וועלן די געשיכטע שרייבער און פארשער צענויפזאמלען אלין וואס איז געשריבן געווארן אין היינטיקע יארן, כדי צו פארשן די רעאקציע פון יידן אין גאר דער וועלט, אויף אט דער גרעסטער גע־שעעניש אין יידישן לעבן, זינט דעם חורבן בית שני. ווי אזוי יידן פון פארשידענע לענדער און קולטורן, האבן רעאגירט אויף אט דעם וואונדער. דאס אויפקום פון דער מדינה, וועט געפארשט ווערן פון אלע אנגולן (ווינקלען). מעגלעך אז די רייזע איינדרוקן פון היינט, וועלן אויספירן א געוויסע היסטארישע פונקציע, אין דער צוקונפט.

באזוכנדיק מדינת ישראל, איז געווען נויטיק דורכצופארן פאר־שידענע לענדער, אהין און צוריקוועגס. האב איך אויך געשריבן וועגן די לענדער וועלכע כ׳האב באזוכט. אבער די אלע לענדער, זיי־נען אין דער בחינה פון פרוזדור, פון פיר הויז, לגבי דעם טרקלין (פאלאץ), דער ציל איז געווען די יידישע מדינה. איבערלעבן די עמאציעס וואס א ייד פילט, ווען ער באזוכט דאס לאנד, וואס דורות און דורות האבן געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, „ותחזנה״ זאלן אונדזערע אויגן זוכה צו זיין, צו זען דעם אויפקום פון דעם חרובן לאנד. און פון א לאנגער ריי פון דורות איז מיר געגעבן געווארן דער זכות. דאס שרייבן די איינדרוקן פון דער רייזע, איז בכן, א מין

התנצלות, אַ פאַרענטפערונג, פאַר וואָס האָט דער גורל גראַד מיר אויסגעקליבן, איך זאָל עס זוכה זיין, און נישט מיינע אבות. ווען דאָס הארץ איז אויסגעגאַנגען אין בענקעניש, צו זען דאָס לאַנד, די חרובע, טרויעריקע וועגן.

און איך האָב געזען די וועגן פון ציון, וועלכע זיינען געלעגן אין טיפער אבלות פאַר יאָרן און יאָרן, היינט אויפגעוואַכטע פון יידישע טריט, פון יידישער פיבערישער אַרבעט. אויפגעלעבטע וועגן, נישט פון פערדישע טריט און באַוואָפנטע קריגער פון קרייץ-ציגלער, פון נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און אַראַבישע אָנפאַלער. נאָר אויפגעלעבט מיט קלעפּ פון האַמער, פון רויש פון טראַקטאָרן, פון אויטאָבוסן, וואָס פירן פרידלעכע בירגער, פון קולות און געזאַנגען פון חלוצים און מאַראַנצן-קלייבער, פון שווערע לאַסט וועגענער וואָס פירן פיש און גרינסן, עופות און פרוכט, ציטרוסן און קאַרטאָפל. כ׳האָב געזען אויטאָס וואָס פירן באַזוכער פון אַלע לענדער, פון פריידיקע עולה רגלגיקעס צו זען דעם פאַראַד פון יום העצמאות, אין ירושלים.

כ׳האָב פאַרצייכנט „אויף דער הייסער מינוט״. כ׳האָב געוואָלט אַריינלייגן, אין די פאַרצייכענישן, דאָס גאַנצע הארץ, אַלע עמאָציעס, אַלע איבערגעלעבטע פריידן און טאָקע אַ שפּאַר ביסל פּיין און צער, וואָס כ׳האָב דורכגעלעבט אויפן הר ציון, אין „מרתף השואה״ (קעלער, הייל, פון אומקום) און ביי די ראַנדן פון הר הרצל, אויף די קברים פון די געפאַלענע העלדן, וואָס האָבן מקריב געווען זייער יונג לעבן, פאַרן אויפקום פון דער מדינה. זיכער איז עס נישט אַרויסגעקומען ווי איך האָב עס געוואונטשן. כ׳האָב דעריבער געצעגערט מיטן אַרויסגעבן אָט די פאַרצייכענונגען. לסוף האָב איך באַשטימט אַרויסצוגעבן, ווייל לויטן אַלטן יידישן שפּריכוואָרט: אם „לא יועיל, לא יזיק״ אויב ס׳וועט נישט ברענגען קיין גרויס נוצן, וועט עס נישט שאַטן — אזוי האָף איך.

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק, אַלע חברים און פריינט, וואָס האָבן מיר סטימולירט אַרויסצוגעבן די רייזע איינדרוקן, און די וועלכע האָבן מיר געהאָלפן מיט זייער עצה און אָנווייזונג.

מעקסיקע, ד. פ. — 1961.

זבולון א. בערעביטשעז

— 1 —

דער טויער פון דער וועלט

כדי צו דערוויזן די חשיבות פון רוים, האָט מען אַמאָל געזאָגט: „אַלע וועגן פירן קיין רוים", איז עס אפילו דאַן, מיט פיל, פיל יאָרן צוריק אויך געווען איבערגעטריבן. רוים איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ וועלט מעטראָ־פּאָליע אַז פון אינדיע, פון ארגענטינע, פון אויסטראַליע און פון דרום־אַפריקע זאָלן די וועגן פירן אַהין, קיין רוים.

אָבער ס'איז בשום אופן נישט איבערגעטריבן אַז היינט אין 1961 פירן אַלע וועגן קיין ניו־יאָרק. פון אַלע לענדער, און פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט, ציען זיך פעדים — לופט און וואַסער ליניעס — צו דער מע־טראָפּאָליע פון דער וועלט. אין ניו־יאָרק שטייט דער טיש ארום וועלכן ס'זיצן די פאָרשטייער פון אַלע אומות העולם, און דיסקוטירן די קעגנ־זייטיקע באַציאונגען. ס'איז גרויסער זכות און נאָך אַ גרעסערער כבוד פאַר אַ שטאָט, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ גדולה, צו ווערן די מעטראָ־פּאָליע פון דער וועלט.

פאַר אונדז, איינוואוינער פון דער דעמאָקראַטישער מעקסיקאַנער רע־פּובליק, איז ניו־יאָרק אויך דער טויער דורך וועלכן מיר דאַרפן דורכפאָרן אויף אונדזערע נסיעות, צו אַלע פיר קאָנטינענטן, אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע. צוערשט פאָרט מען קיין ניו־יאָרק, און פון ניו־יאָרק ציען זיך שוין אַלע ליניעס אין דער וועלט אריין.

די טויערן פון דער וועלט מעטראָפּאָליע, ניו־יאָרק, שטייען ברייט צו־עפנט, ס'שטראָמען אין טויער אריין טויזנטער, צענער טויזנטער מענטשן וואָס קומען מארבע פינות העולם, נאָר דורכגיין דעם ריזיקן טויער, מוז מען דורך אַ קליין טירל, ביי וועלכער ס'זיצט אַ באַאַמטער, און טראָגט דער אַמעריקאַנישער וויזע, וועלכע מען מוז ארויסנעמען נאָך איידער מען לאָזט זיך אין דער רייזע, גיט דער באַאַמטער אַ קוק אין אַ גראָב־בייכיקן „ספר הזכרונות" צו געפינט זיך ניט אַמאָל דער נאָמען פונעם רייזענדער אינעם

בוך, מיט אַ ספּעציעלע באַמערקונג, אַז אָט דער מענטש וואָס טראָגט אָט דעם נאָמען, איז גליכער אַז ער זאָל זיצן אין דער היים, מחמת אין ניו־יאָרק — און אין אַלע שטאַטן פון אַמעריקע — איז דער גאַסט נישט געוואונטשן. נישט געפונען אָט דעם נאָמען אין דער רשימה, ווערט דער באַאַמטער פריינדלעכער, פרעגט פון יוצא וועגן וואוהין איז דער ציל פון דער רייזע, און אַז מען זאָגט אים „קיין ישראל", צושמייכלט ער זיך נאָר בנעימותדיק און זאָגט אויף מאַמע לשון „פאָרט געזונטערהייט און זייט מצליח". און שטעלט ווידער אָן, אַן ערנסט פּנים כדי בודק צו זיין דעם פּאַספּאָרט פון צווייטן רייזנדער, וואָס שטייט אין דער רייע, אַריינצוקומען אין דער וועלט־שטאָט, ניו־יאָרק.

און די וועלט־שטאָט, ניו־יאָרק, שטייט גרייט אויפצונעמען אירע באַזוכער. מיט אירע ריזיקע האָטעלן, מיט אירע אויטאָמאַטישע רעסטאָראַנען, מיט די באַנען אונטער דער ערד און די אויטאָבוסן, טאַקסים, אויף דער ערד. די גרויסע „דעפּאַרטאַמענט סטאָרן" זיינען אָנגעפּראָפּט מיט אַלערליי סחורה וואָס קומט פון דער גאַנצער וועלט. אין אָט די ריזן געשעפטן, וואָס זעען אויס ווי אויטאָנאָמע מדינות, ווייל זיי צו פאַרוואַלטן איז נויטיק הונדערטער דירעקטאָרן־מיניסטאָרן. און צו באַדינען די קונים שטייען גרייט טויזנטער, צענטליקער טויזנטער אָנגעשטעלטע. אין דער פרעסע ווערט איבערגעגעבן אַז אין די שטאָטן געפינען זיך עטלעכע מיליאָן אַרבעטסלאָזע. אָבער אין די געשעפטן, אין די רעסטאָראַנען, אין דער אונטערגרונט באַן, מערקט זיך עם נישט. אין די געשעפטן איז ווי ס'וואָלט אַרומגעכאַפּט אַ בהלה גאַנץ ניו־יאָרק, כדי איינצוקויפן די פאַרשידנאַרטיקע סחורה. מען וואַרט ממש מיט אומגעדולד, ביז דער געשעפט עפנט זיך און דער עולם גיט זיך אַ לאָז, צו די אויסגעשטעלטע סחורה, וואָס מען „פאַרצוקערט" ממש. אין די רעסטאָראַנען דאַרף מען וואַרטן אויף אַ פרייען טישל זיך צו זעצן עסן. און אין „סאָבוויי" איז קיין עין הרע פול, איבער די ברעגן.

איבער די גאַסן איילן מענטשן. ווייסע, שוואַרצע, געלע און פון אַלע ראַסן וואָס באַוואוינען דעם ערד־קויל. די מענטשן, בכלל גענומען גייען גוט אָנגעטאָן. די פּנימער זיינען זאַטע. דאָס באַנעמען זיך איז אַ פרייער, אָן מורא און אָן חשד. די מענטשן זיינען העפלעך און פריינטלעך. פרעגט מען אימעצן וואו איז אַ גאַס, וואו נעמט מען דעם אויטאָבוס צוצופאָרן ערגעץ, ענטפערט ער פריינטלעך, נישט אָנגעצויגן און נישט נידערטעניק. ס'איז אַ באַציאונג פון אַ גלייכן צו אַ גלייכן.

ניו־יאָרק איז ניט נאָר אַ שטאָט וואו מען קען אָפּעסן אַ גוטן מיטאָג, „אויסגיין" אין אַ נאַכט־קלוב, אָדער איבערשלאָפן אַ נאַכט אין אַ פיינעם האָטעל. ס'ווערט פאַרזען דער פאַקט, אַז ניו־יאָרק איז אויך אַ גייסטיקע מעטראָפּאָליע. מיט אירע שולן, אוניווערסיטעטן, טעמפּלען, ביבליאָטעקן,

טעאַטערן, א. אַ. וו. אין קיין שטאָט ווערט די פּרעסע אַזוי גישט געלייענט ווי אין ניו־יאָרק. צייטונגען וואַלגערן זיך ממש אין „סאַבוויי”, אין רעסטאָ־ראַנען, דאָך וועט דער ניו־יאָרקער קויפן זיין צייטונג איבערלייענען וואָס אים איז נויטיק, און עס שפּעטער אַוועקוואַרפן. אין דער גרויסער ניו־יאָרק איז גאַנץ שווער צו לייענען אַ בוך פון פינף הונדערט זייטן, למשל, ווערט דאָס בוך געקירצט, געתמציתט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קעשענע־ביכל אַ „פּאָקעט־בוק” און אָט דעם טאַשן־בוך לייענען די ניו־יאָרקער בפרט, — און גאַנץ „אַמעריקע” בכלל. — ס'איז גאָרנישט קיין שלעכטער איינפאַל. פון אַ סך גרויסע דיקע ביכער, וואָלט מען לייכט געקענט אַרויסנעמען אפשר הונדערטער זייטן, און דער לייענער וואָלט גאָרנישט פאַרלאָרן. פון אָט דעם אַמעריקאַנער מנהג, קענען און דאַרפן מחברים אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל.

ניו־יאָרק לערנט, לייענט, פאַרווײַלט זיך, עסט, באַזוכט טעאַטערס און אַרבעט. אין ניו־יאָרק אַרבעט מען אפשר נאָך שווערער ווי אין ערגעץ אַנדערש. די אַרבעטס שעהן ווערן אויסגעפּילט מיט אַרבעט, נישט ווי אין אַ סך אַנדערע מקומות וואו דער אַרבעטער איז נים אַזוי פלייסיק פאַר־טאָן אין זיין אַרבעט. ניו־יאָרק קאָנסומירט אַ סך סחורה און עקספּאָרטירט סחורה אין אַנדערע לענדער. אָט די סחורה מוז אויסגעאַרבעט ווערן גיך און גלאַטיק, כדי צו קענען קאָנקורירן אויפן מאַרק. הונדערטער טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען אַרבעטן, אָבער זייער אַרבעט ווערט בדרך כלל גוט באַצאָלט. די אַרבעטער זיינען גוט אָרגאַניזירט אין פראָפאַריי־נען, אין „יוניאָנס” און אַרבעטן לויט די איינגעשטעלטע כללים, פאַרדינען לויט די געזעצלעכע נאָרמעס. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ ריי יאָרן, באַקומט דער אַרבעטער אַ פּענסיע סיי פון זיין פאַריין און סיי פון דער רעגירונג, די אַזוי גערופענע „סאָציאַלע פאַרזיכערונג” — פון וועלכער עס געניסן ניט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך אַלע די וועלכע צאָלן פאַר אַ משך פון יאָרן די פאַרזיכערונג־אָפּצאָל — אין די אָנפאַנג זעכציקער, פאַרלאָזט דער אַרבע־טער זיין אַרבעט, און מיט דער פּענסיע גענוגט אים צו לעבן אויב נישט אין עשירות, איז אָבער גאַנץ זאָרגלאָז פאַר די ווייטערדיקע יאָרן.

איידער אימעצער לאָזט זיך אַרויס אין דער וועלט אַריין, איז כדאי צו זען פריער, ניו־יאָרק. וואָס דער טיטל „מעטראָפּאָליע פון דער וועלט” איז ניט גלאַט לשם מליצה, נאָר טאַקע אַ צוגעפּאַסטער נאָמען פאַר אָט דער איינגאַרטיקער וועלט שטאָט, וואו לויט בעלי חשבון, לעבן אין ניו־יאָרק מער איטאַליענער ווי אין רוים, מער יידן ווי אין גאַנץ מדינת ישראל, מער פּאָרטאָריקאַנער ווי אין סאַן כואַן און מער נעגערס ווי אין דער צובראַזילער קאָטאַנגאַ. אַ שטאָט אַ פילפאַרביקע מיט איר אַרכיטעקטור, איר קונסט, קולטור און לינגוויסטיק.

דאָס לאַנד, איז אַ פעדעראַציע פון שטאַטן, ס'רופט זיך „די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע". מעגלעך אַז די גרעסטע שטאָט פון אַט די שטאַטן, האָט מען אויך געדאַרפט רופן „די פאַרייניקטע שטעט פון ניו־יאָרק" מחמת ניו־יאָרק איז דער קומול פון עטלעכע שטעט. ברוקלין איז אַ שטאָט, אַ ריזן שטאָט, און בראָנקס איז ווידער אַ שטאָט, און לאָנג איילאַנד איז ווידער אַן אייגנאַרטיקע מדינה. די אַלע שטעט זיינען פאַראייניקט מיט דער אינדזל־מאַמע־שטאָט: מאַנהעטן. פאַראייניקט מיט בריקן און טונעלן, אין די פרימאָרגנס און די פאַרנאַכטן, ווען דער עולם גייט און קומט צוריק פון דער אַרבעט, זיינען אַלע טראַנספּאָרט מיטלען, איבערגעפּאַקט.

רעדנדיק וועגן ניו־יאָרק מיט די באַגריפן: „ניו־יאָרק של מעלה וניו־יאָרק של מטה" (ניו־יאָרק אין העכערן גייסטיקן זין. און ניו־יאָרק אינעם מאַטעריעלן זין) דאַרף מען אונטערשטרייכן אַז ניו־יאָרק של מטה, מיינט טאַקע אונטן, ניו־יאָרק פון אונטער דער ערד, אַזאַ אונטערגרונט סטאַנציע ווי די פון „טיימס סקווער" דינט, ניט נאָר פאַר פּאַסאַזשירן־פּאַרקער. נאָר ס'איז אַ שטאָט אַ גאַנצע אונטער דער ערד. אויבן געפינען זיך די „וואָלקן־קראַצער", די צוהעלטע און צושטראַלטע בראָדוויי, וואָס שימערט אין דער נאַכט מיט מיליאָנען ליכט. די ריזיקע פאַבריקן און געשעפטן, און אונטן, אונטער ניו־יאָרק, געפינט זיך נאָך אַ שטאָט, אַ פאַנטאַסטישע שטאָט אונטער דער ערד. מען האַנדלט, מען קויפט און מען פאַרקויפט. אַ מאַן זיצט איבער אַ קאַפע און לייענט אַ צייטונג. אַ מאַמע פירט אַ קינד אין וועגעלע און באַקוקט די סחורה אין די פענסטער, און אַ בחור רעדט מיט זיין מיידל אין אַזאַ ערנסט־פייערלעכן טאָן, מסתמא דערקלערט ער זיך אין ליבע און בעט באַשטימען דעם גליקלעכן טאָג פון דער חתונה. דאָס אַלץ און נאָך טויזנט אַנדערע זאַכן פאַרלויפן אונטער דער ערד. אין דער ניו־יאָרק של מטה, ממש.

שטיי איך אין ניו־יאָרק, קוק אָן די וואונדערלעכע וועלט שטאָט, און זוך דעם „פשר דבר" דעם באַשייד פון איר פאָרנעם און פאַרמעסט, פון איר גדולה און איר אייגנאַרטיקן פּלאַץ אויף דער וועלט. פאַרוואָס האָט די לעגענדע יונגע ניו־יאָרק זוכה געווען צו דאָס אַלץ, וואָס רייכערע, היסטאָריש־וויכטיקערע שטעט, אפשר מיט מער מעלות אין איכות און אין כמות האָבן נישט זוכה געווען. זוך איך דעם באַשייד צום רעטעניש „ניו־יאָרק רבתי בגוים" און געפין דעם ענטפער אין די פערזען פון דער יידישער פּאָעטעסע, עמאַ לאַזאַרוס, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף דער פרייהייטס סטאַטוע, ביים אַריינפאָר, דורכן אַטלאַנטישן ים אין ניו־יאָרק.

ווייל ניו־יאָרק איז געווען אַ מאַמע צו די וואַנדערער פון דער וועלט, האָט אויפגעעפנט אירע אָרעמס און אַריינגענומען פאַרוואַגלטע מענטשן, קינדער מיט שרעק אין די אויגן. מאַמעס וועלכע האָבן געדריקט צום

הארצן זייערע קינדער, בעת זיי האָבן באַטראַכטן די ערד פון ניו־יאָרק, ביים אַריינפאָר, ניו־יאָרק איז אפשר די איינציקע שטאָט אין דער וועלט, וואו אַלע פעלקער זיינען פאַרטראָטן, אַלע רעליגיעס האָבן דאָרט טעמפּלען, אַלע אידייען, קעמפער און אָנהענגער, אַלע אידעאַלן, טרוימער און וויזיאָנערן.

האָבן די קינדער פון דער וועלט, געשאַפן אַ וועלט שטאָט. דער זיץ פּלאַץ פון אַלע פעלקער, פונעם פאַרבאַנד פון די אומות, קען נאָר זיין אין אַזאַ מעטראָפּאָליע ווי ניו־יאָרק. נאָר ניו־יאָרק איז מסוגל אויפצונעמען אַזאַ גראַנדיעזע אידייע פון פעלקער־פאַרברידערונג און אויפבויען אַ טעמפּל פאַר דעם צוועק, געבן אַהיים די אידייע. דער טעמפּל פון שלום איז ראוי צו שטיין אין אַן אַנדער שטאָט. אָבער כל זמן מען דיסקוטירט נאָך וועגן שלום, מען פאַרהאַנדלט נאָך, מען פאַרגלייכט זיך, איז נאָר ניו־יאָרק צו־געפּאַסט פאַר דער עובדה.

פרעג איך אַ צופעליק באַקאַנטן: „ווי פילט איר זיך אָט דאָ, אין דער רוישיק־ראַשיקער ניו־יאָרק, אינעם ווירוואַר פון ראַסן, רעליגיעס, שפּראַכן, אין אָט אַזאַ פילפאַרביקייט?"

ענטפערט דער ניו־יאָרקער: „איך פיל זיך דאָ אויסגעצייכנט. דאָ אָטעם איך די לופט פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע פעלקער, פון אַלע קולטורן. מיין אָפּשטאַם איז ווי פון אָט דער שטאָט. אין מיין גזע, געפינען זיך האָ־לענדער, שוועדן, אירלענדער, אונגאַרן, יידן און איטאַליענער. איך רע־פּרעזענטיר ניו־יאָרק און ניו־יאָרק שפּיגלט אָפּ איר באַפעלקערונג. איך האָב ליב די שטאָט־מאַמע פאַר אַלע אירע איינוואוינער".

— 2 —

דער פּרוזדור (די פּאַדערשטוב)

אַריינצוקומען אין „טרקלין" אין פּאַלאַץ אַריין, מוז מען פריער דורכ־גיין דעם פּרוזדור, די פּאַדערשטוב, אין די אינעווייניקסטע זאַלן פון פּאַלאַץ קען מען ניט אַריינקומען, נישט צוגעגרייטערהייט. פון דער גאַס קען מען ניט אַריין גלייך אינעם שענסטן זאַל פון טרקלין. צו אַ טרקלין מוז מען אַריין דורך אַ פּאַסיקן פּרוזדור.

אויב די יידישע מדינה איז דער טרקלין, איז די יידישע ניו־יאָרק דער פּרוזדור. זינט יידן זיינען אַ פאָלק איז עס דער איינציקער פאַל, אַז העכער צוויי מיליאָן יידן זאָלן זיך געפינען אין איין שטאָט. אַ יידישע געמיינדע וואָס איז אַזוי מולטי־פאַרביק ווי די שטאָט ניו־יאָרק איז אַליין. דער יידישער לעבן אין ניו־יאָרק איז „מקיר אל קיר" פון וואַנט צו וואַנט. פון עקסטרעם רעכטס ביז עקסטרעם לינקס. פון דעם אולטראַ־פרומען וויליאַמס־בורג ביז די אולטראַ־רעפאָרמירטע „קאָונסיל אָוו דזשודאַאיזם". פון עקס־טרעמע נאַציאָנאַליסטן ביז עקסטרעמע קאָמוניסטן, וועלכע האַלטן זיך נאָך ביים סטאַליניזם, ווי אין די אַמאָליקע „גוטע צייטן".

געוויס איז די אַסימילאַציע מעכטיק. טויזנטער, צענטליקער טויזנטער יידן וויסן נישט פון יידישקייט אפילו קיין צורה פון אַן אלף. דאָך זיינען זיי יידן אויף זייער שטייגער. ס'איז נישטאָ קיין שמד מגפה, חלילה, צווישן די וועלכע האָבן מיט יידישקייט גאָר אַ מינדסטע שייכות. שוואַכע יידן אָבער דאָך יידן.

פאָרנדיק פון לופט־פּאָרט אין שטאָט אַריין, הענגט איבער דער גאַנ־צער לענג פון דער ברייטער גאַס אַן אויפרוף פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל", דער פאַריייניקטער יידישער קאַמפּיין, וואָס רופט, מאָנט, מען זאָל טאָן דעם חוב צו מדינת ישראל. אין ענגליש, פאַרשטייט זיך. אָבער אָט די ענגלי־שע ווערטער, אותיות, אויפן טראַנספּאַרענט, זעען אויס אַזוי יידיש, אַזוי היימיש, און אָט דער אויפרוף אָפּן און פריי, עפנטלעך און פאַרנעם, ניט צו

א ספעציעלן באדיט דעם פרוזדור, דעם גרעסטן יידישן צענטער אויף דער וועלט, און דאס הארץ ווערט פול, מיט פולער אנערקענונג פאר די פאריי־ניקטע שטאטן פון אמעריקע, און מיט יראת הכבוד פאר דער יידישער עדה אין ניו־יארק.

גרויסע, ליכטיקע און מעכטיקע יידישע אינסטיטוציעס, וועמענס ליכט און ווארעמקייט שטראלט ניט נאר פאר ניו־יארק, פאר די פ. שטאטן, נאר אויך פאר כל תפוצות ישראל בכלל און מדינת ישראל בפרט. דא געפינען זיך די באלווארטן, די פעסטונגען פון יידישן לעבן, פון יידישן שאפן און פון פארווירקלעכן יידישע האפענונגען. דאס הארץ ווערט געשטארקט, א פעסטערער בטחון געפיל, באקומט א ייד, זעענדיק די אינסטיטוציעס פון ריער יידישער ניו־יארק.

דערוויל איז דא — און מיר אלע האפן אז אויף נאך לאנגע יארן — א פארצווייגטע יידישע פרעסע, וואס גרופירט ארום זיך דאס בעסטע פון יידישער ערודיציע, פון יידישער מחשבה און יידישן גייסט. ס׳איז דער צענטער פון יידישער קולטור אין אלע אירע פארמען און מאניפעסטאציעס. וואס שייך רעליגיעז זיינען דא געגנטן אין ניו־יארק, וועלכע האבן זיך פיין געקענט אריינפאסן אין דער פאנאראמע פון מאה שערים, אין ירושלים. א גרופע חסידים האבן זיך באזעצט אין א געגנט אינעם שטאט פון ניו־יארק, און עס א נאמען געגעבן „ניי סקווער". ס׳איז ניט קיין פראגע צו אימעצער איז יע מסכים, אדער ניט מיט די חסידישע דרכים, וואס עס אימפאנירט איז, די פרייהייט. יעדער איינער קען און מעג זיך אויסלעבן, לויט ווי זיין הארץ גלוסט. זאל געבענטשט זיין די פרייהייט וואס גיט די מעגלעכקייט דעם יחיד צו לעבן זיין אייגענעם לעבן, אומגעשטערט, מיט דער פולסטער טאלעראנץ פון דער אנדערשדיקער סביבה.

וואס עס רופט ארויס אומצופרידנקייט איז ... וואס עס טוט זיך ארום אין ..., וואס ווערט פון דעם ארויסקומען? יידן האבן זיך שטענדיק געטרייסט אז ביי זיי, זיינען ניטא קיין סעקטעס, ווי להבדיל אינעם קריסטנטום. די איינציקע סעקטע ביי יידן, זיינען געווען די קאראימער. אבער דאס איז געווען אזא מינדערווערטיקע גרופע, אין כמות און אין איכות, אז מען האט צייטנווייז פארגעסן אפילו אז אזא סעקטע עקזיסטירט גאר. די יידישע ליטעראטור, די רעליגיעזע אמאל און די וועלטלעכע שפעטער, האט אפילו דעם פרט ניט פארצייכנט, פונקט ווי ס׳איז איינגאנצן פארגעסן געווארן אזא סעקטע ווי די שומרונים. איצט זיינען די „סעקטעס" ארויסגעקומען אויף דער יידישער גאס. מיט פיל מער אייפער און מלחמה לוסט, ווי אמאל די קורץ־יאריקע שטרייטיקייט פון מתנגדים־חסידים. די קאטמארער און זייער גלייכן אנערקענען נישט די קאנסערוואטיוון, און גיבן זיי ניט קיין חלק אין יידישקייט. דאס נעמ־לעכע די ארטאדאקסן, וועלכע ווילן אפילו ניט זיצן ביי דעם זעלבן טיש

מיט די רעפאָרמער. די רעפאָרמירטע צווישן זיך אַליין, זיינען ווייט ניט אייניק. ס'איז ניט באַוואוסט צו ס'איז שוין היינט די סיטואַציע, יעדנפאַל, וועט עס זיין אין עטלעכע יאָר שפּעטער, אויב די לאַגע וועט זיך ניט בייטן, אַז אַן אָרטאָדאָקסישער רב וועט ניט געבן קיין חופּה־קדושין אַ פּאָרל וואָס וועט געהערן צו די קאָנסערוואַטיוו־רעפאָרמירטע. אָדער אַז אַזאַ „געמיש־טע" חתונה זאָל בכלל ניט מעגלעך זיין, ווי להבדיל צווישן קאַטויליקן און באַפּטיסטן.

פאַראַן אָבער איין דענאָמינאַטאָר וואָס איז אייניק פאַר אַלע, אָדער כמעט אַלע נאַציאָנאַלע יידן אין ניו־יאָרק. דאָס איז מדינת ישראל. אויף צענטליקער אופנים ווערט אַרויסגעוויזן די וואַרעמסטע געפילן צו דער מדינה, פּאָליטיש, קולטורעל און ספּעציעל: עקאָנאָמיש. פון אַלע נאַציאָ־נאַל־רעליגיעזע סמני יהדות, פאַרנעמט דער ישראל מאָמענט איינעם פון די הויפּט פּלעצער. דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט אויפגעוועקט די פאַרשלומערטע מדות טובות ביי יידן, ביי אַ סך יידן, און זייערע הערצער און קעשענעס האָבן זיך ברייט צועפנט. די יידישע בורזשואַזיע פון גאָר דער וועלט דאַרף מיט אַ באַזונדער מזמור לויבן דעם אויפקום פון דער מדינה, וואָס האָט דערמעגלעכט אַרויסצוברענגען פּראָמינענט זייערע אַל־טרואיסטישע געפילן. אַמאָל אַז אַ יידישער נגיד פון ניו־יאָרק אָדער לאָנ־דאָן, האָט געוואָלט אַרויסוויזן זיין ברייטהאַרציקייט, האָט ער געמאַכט אַ רייזע אין זיין געבוירן שטעטל. דאָרטן האָט ער באַוויזן סיי זיין עשירות און סיי זיין פּרייגיביקייט, מיט דעקן דעם דאַך פון שול מיט נייע שינדלען, פאַרריכטן אָדער לייגן אַ נייעם דיל אין באָד. שטעלן אַ נייעם פּאַרקאַן אַרום בית עולם, וכדומה.

היינט איז ב"ה דאָ וואו צום בויען און וואָס צום בויען. אַזאַ נגיד שטעלט אויס אין דער אוניווערסיטעט־שטאָט אין ירושלים, אַ לאַבאָראַטאָ־ריע, וואָס קאָסט אַ פּאָר מיליאָן. אַ שול צום דאַוונען, פאַר אַ מיליאָן, אַ בית יתומים, אַ קינדער־היים, אַן אינסטיטוציע, אַ געביידע וואָס פאַרשענערט די לאַנדשאַפט פון ישראל און באַרייכערט דאָס לעבן, די וויסנשאַפט אין דער יידישער מדינה.

ניטאָ וואו ערגעץ אַנדערש היינט צו פאָרן, אויסער קיין מדינת ישראל. ניטאָ מער די אַלטע ליטע און פּוילן, אוקראַינע און גאַליציע, און וואָס זאָל טאָן דער ניו־יאָרקער „ריטייערד מען" (אַ מענטש אויף די עלטערע יאָרן) אין די אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט? גיין אין אַ נאַכט קלוב? נאָך אַמאָל זען די רואינען פון קאָליסעאום? פאָרן טאַקע די אַמעריקאַנער יידן בכלל און ניו־יאָרקער בפרט קיין מדינת ישראל.

מען פאָרט ביחידות און צו מערסט, אין גרופּן אויף פּסח, אויפן יום־עצמאות, און גלאַט צו זען די מדינה.

די וועלט ברויזט אויף אַלע געביטן. ס׳וואָלט געווען נאַאיוו צו דענקען, צו דערוואַרטן אַז דער יידישער עלעמענט אין די שטאַטן, דער גרעסטער יידישער קבוץ אויף דער וועלט, כן ירבה, און ניו־יאָרק, די גרעסטע יידי־שער קהילה אין אונדזער פירטויזנ־יעריקער געשיכטע, זאָל שטיין פון דער וויטן, זאָל ניט אָנגעשטעקט ווערן פונעם צוברויזטן אַרום און זיך לעבן אידיליש. אויב נאָר די אַלע פאָרמען וועלן זיך געפינען אין יידישן נאַציאָ־נאַלן תחום, איז ניטאָ קיין מורא פאַר דער צוקונפט. ס׳איז אויך ניט קיין ספק אַז די היינטיקע עפּאָכע איז אַן „על פרשת דרכים״־דיקע. יידיש לעבן נעמט אָן אַנדערע פאָרמען און געשטאַלטונגען. יידישקייט איז אַן אידייע צו וועלכער ס׳פירן פאַרשידענע וועגן און שטעגן. די חסידים פון ווי־ליאַמסבורג (אַ שטאָט טייל אין ניו־יאָרק, באַוואוינט דורך עקסטרעם פרומע יידן) זיינען פאַר׳עקשנט אין זייער קאָנצעפּט, אַז נאָר דורך זייער דרך איז מעגלעך צו באַגרייפן דעם יידישן מהות. די יידישיסטן דענקען אַז אויב אָן יידיש לשון, איז פאַרלאָרן דאָס גאַנצע יידישקייט, און אַזוי אַנדערע אידעאָלאָגיעס פון אָדער, אָדער. אָדער דו גייסט אויף מיין דרך און פאַרזיכערסט דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק, אויב נישט איז ניטאָ קיין שום רעטונג.

די יידן אין ניו־יאָרק פאַרנעמען גאָר אָנגעזעענע פּלעצער אויף אַלע שטחים, אין פּאָליטיק, אין קולטור, אין דערציאונג און אין דער עקאָנאָמיע, זייער ביישטייער צו דער ניו־יאָרקער גדולה איז אין לשער. מעגן אַנטיסע־מיטן זוכן עס מבטל זיין, וועט עס זיי ניט העלפן. די פאַקטן, שטעכן די אויגן. דער ביבער מאַרק איז פול מיט יידישע נעמען, די גרעסטע פאַר־מאָגנט צווישן די פּעאיקסטע מיטאַרבעטער, יידישע מענטשן. אויפן עקאָ־נאָמיש־סאָציאַלן געביט איז אָפּגערעדט. די אַרבעטער פאַריינען וואָס זיינען די בעסטע סיטואירטע, זיינען געגרינדעט געוואָרן, ווערן אָנגעפירט, גאָ־בערנירט, פון יידישע מענטשן. יידן האָבן אַ גאָר וויכטיקן, חלק אין ניו־יאָרקער גדלות.

אָט זיינען די גאַסן פון ניו־יאָרקער פאַבריקאַציע. די „דרייסיקער״ גאַסן ביי דער זיבעטער עוועניו. ס׳איז אַ צענטער פון קליידער פאַברי־קאַציע בכלל און פוטערוואַרג בפרט. די נעמען לייכטן אַרונטער פון די וויטרינעס. יידישע נעמען, קאַטץ און לוי, גאָלדבערג און וואַרשאַווסקי, לעבעדיק און פריילעך, שער, אייזן און קוגל. גאָלד און זילבער, ווילענסקי און טראָצקי. מען נייט, מען שניידט, מען פרעסט, מען פאַרלאָדט וואָגנס. דאָס זיינע יידישע הענט וועלכע אַרבעט מיט דער העכסטער פלייסיקייט. דאָס איז דער אַמעריקאַנער מענטש וואָס האָרעוועט פאַר וואָכן און חדשים, כדי אין זיין „וואַקיישן״ באַזוכן ירושלים און תל־אביב, אַקאַפּולקאָ און טאַסקאָ, רוים און פּאַריז. ער איז עס דער מענטש, וואָס מיט זיין שטייער

וואָס ער צאָלט דער רעגירונג, ווערט געהאָלפן די אינדוסטריאַליזאַציע אין לאַטיין־אַמעריקע. דער עקאָנאָמישער אויפבלי פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן. די אַלערליי מאַרשאַל פּלענער, רוזוועלט פּלענער, קענעדי פּלענער. די ווייץ וואָס ווערט געשיקט קיין אינדיע און די מעדיקאַמענטן אין טשילע. דאָס איז נאָר אַדאַנק אים, אָט דער דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער, וואָס לויפט איצט צו אַ קונה ווייזן די גייסטע מאָדעלן פון דער אַמעריקאַנער פּראָדוק־ציע. דאָס איז ער, דער ייד, דער אירלענדער, דער איטאַליענער באַקליידט אין די אַמעריקאַנישע לבושים פון קולטור און שעפערישקייט, אָט דער „גרויער" מענטש וואָס אַרבעט שווער און צאָלט שטייער, „טאַקס" אַזוי לייכט. געקויפט אַ מעסערל: „טאַקס". געקויפט אַ האַנט בייטל פאַר דער פרוי וואָס קאָסט צען דאָלאַר, קומט צו: פעדעראַלע שטייער: אַ דאָלאַר; שטאַטישע שטייער: 30 סענט. הייסט עס איז די האַנט בייטל וואָס שטייט אויסגעשטעלט אין פענסטער מיט אַ מציאה־פּרייז: ניין דאָלאַר, ניין און ניינציק סענט, קאָסט גאָר מיט אַ דאָלאַר און דרייסיק טייערער. דער דאָ־לאַר דרייסיק איז עס דער אַמעריקאַנער „קאַפּיטאַל" וואָס קומט גאָר אָפּט אַריין אין גאָר ניט קיין לייטישע הענט.

ניט גענוג צו זען ווי דער ניו־יאָרקער עסט, פאַרווײַלט זיך און פאָרט אויף „וואַקיישן". זאָל מען נישט פאַרגעסן אַז דער ניו־יאָרקער אַרבעט. און די ניו־יאָרק יידן אַרבעטן גאַנץ שווער, אויב ניט אַלע, איז גאָר אַ גרויסער פּראָצענט פון זיי.

אָט שטייט אַ רייע ביים קאָנטאָרל פון דער יידישער „על־על" לופט־קאָמפּאַניע, וואָס געפינט זיך אינעם ריזיקן בנין פון דער שטאָטישער טער־מינאַל סטאַנציע. דער קאָנטאָר פון דער יידישער געזעלשאַפט געפינט זיך, פון איין זייט בשכנות מיט דער שפּאַנישער לופט קאָמפּאַניע „איבעריאַ", פון דער צווייטער זייט, איז דער שכן, די דייטשישע „לופטהאַנזאַ". איז דאָס אַ צופעליקייט? די צוויי פעלקער וועלכע האָבן פאַרשריבן די בלוטיקסטע בלעטער אין דער יידישער געשיכטע, געדענקט אַז פּטור, קיין יידן וועלן זיי מער ניט אָנזען אין די אויגן. און אָט איז דער ייד זייער שכן, ביי די שכנותדיקע קאָנטאָרן איז עס שטיל. ביים יידישן קאָנטאָר איז טומלדיק, עס שטייען: צוויי אַלטע יידישע פרויען, ווייט אין די זיבעציקער, מיט אַדערדיקע אויסגעאַרבעטע הענט, אַ משפחה פון אַ טאַטן, אַ בר־מצוה בחור און אַ פרוי, באַלעבאַטיש אָנגעטאָן. די פרוי מיט אַ היטעלע מיט אַ פעדער. צוויי פּאָרלעך מיטעלע מענטשן פון דרום־אַמעריקע. אַן אַלט פּאָר־פאָלק, זי איז נאָך נשקשהדיק אינעם אויסזען, דער מאַן אָבער איז חורבהדיק, אָפּגעהאָרעוועט מסתמא אַ גאַנץ לעבן כדי זיך צו דערלויבן אָט די נסיעה. דאַן אַן עלטערער פאַרנעמער הער, אַ טאַטע מסתמא מיט אַ יונג אַכצן יאָריק בחורל, און ווידער אַמאָל עלטערע מענטשן, פרויען און

מענער. דאָס פאַרן יידן קיין מדינת־ישראל.

זיך אָפּגעטונקט אין יידישקייט פון אַלע פאַרבן און שאַטירונגען, אין דער יידישער ניו־יאָרק, אינעם פּרוזדור, דערהויבן פונעם געפיל אַז אָט אין דער שטאָט געפינען זיך איבער צוויי מיליאָן יידן, ברידער, כן ירבו. אַז נצח ישראל איז ניט נאָר אַן אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר אַ לעבעדיקער ממש, אָט דאָ אין ניו־יאָרק רבתי, ווערט אַ ייד גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, אַרײַנצופאָרן אינעם טרקלין.

ביים אַריינגיין אינעם אַעראָפּלאַן באַווייזט דער שטן אַ שפּיץ פון זיין שוואַרצן נאָז. ס'ברעכט אויס אַ שטיקל מחלוקת; באשר בכן, אַ פּאַסאַזשיר טראָגט דריי פּעקלעך מיט זיך. דער „אל־על" באַאַמטער טענהט: מען טאָר נישט. ענטפערט דער פּאַסאַזשיר גאַנץ געלאַסן: זעט, אָט גייען פּאַסאַזשירן צו אַן אַנדער אַעראָפּלאַן און טראָגן פיל מער פּעקלעך, שווערערע און קיינער מאַכט ניט קיין וועזן פון דעם.

פרעגט מיר מיין שכן: נו, וואָס זאָגט איר צו דעם? — פאַרוואָס מאַכן די יידישע באַאַמטע מערער שוועריקייטן?

ענטפער איך: ס'איז אַ פראַגע פון צייט, פון פּראַקטיק. אָט די בחורים און מיידלעך זיינען נאָך ניט צוגעוויינט, מען האָט געמוזט אויף שנעל צו־שטעלן באַאַמטע צו דער לופט באַדינונג. זיינען זיי ניט גענוג צוגעגרייט, נאָר פאַרלאָזט זיך אויף די ישראלים. זיי ווילן זיך די תורה אויך אויס־לערנען. דאָס האָבן שלעכטע גוים זיך איינגערעדט אַז דער ייד קען אַלץ, קען קויפן, האַנדלען, זיין אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט, אפילו אַ מי־ניסטער אין דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד, נאָר איין זאַך קען ער ניט, וועט אייביק ניט קענען. אויפשטעלן אַן אייגענע מלוכה און איר פאַרטיידיקן, אָנפירן, איינשטעלן אַ סדר צווישן די אייגענע, שאַפן און אָנפירן אַן איי־גענע מדינה, ניין דאָס קענען די יידן ניט.

זיינען געקומען די יידן פון אַלע ווינקלען פון דער ערד, און באַוויזן אַז אָט די „תורה" קענען זיי אויך. געקומען זיינען נישט קיין מיניסטאָרן, פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַטן, נאָר דוקא פּאָלקס מענטשן. ערד אַרבעטער, פּאַס־טוכער, שניידער, סוחרים און געוועזענע ישיבה בחורים, און געוויזן דער וועלט אַז, יע זיי קענען. נו, וועלן זיי די מלאכה פון אָנפירן צופרידנ־שטעלנדיק די לופט טראַנספּאָרטאַציע, זיך אויך אויסלערנען.

— 3 —

צווישן ים און הימלען

אז מען פאָרט אויף א שיף, געדויערט עס ביז וואנען מען באקענט זיך מיט די מיטפאָרער. אויפן עראָפּלאן דארפן די באקאנטשאפטן געשלאָסן ווערן וואָס גיכער, ווייל איידער מען זעט זיך ארום, איז דער עראָפּלאן שוין גרייט צום לאנדן.

די מיטפאָרער זיינען נישט דוקא יידן, ס'פאָרן אויך עטלעכע ענגלענדער און איטאליענער. די יידישע רייזנדע באקענען זיך גאָר גיך, צווישן זיך.

געווים איז עס נים ריכטיק אָנצואווענדן אָט דעם כלל אויף אלע יש־ראלים. דער פאקט איז אָבער אַז די ישראלים וועלכע מיר האָבן געטראָפן, זיינען געווען גאנץ טרוקענע פארשוינען — בעת דער רייזע. — סתם יידן צווישן זיך, ריידן, שמועסן, דערציילן. מען רעדט וועגן די פּראָבלעמען פון די ישובים, פון מדינת ישראל, פון חנוך, וועגן ליטעראטור וכדומה. דער ישראלי וואָס זיצט דערביי, גענעצט. אָט די אלע ענינים פון די גלות לייט אינטערעסירן אים ווינציק.

ס'פאָרט מיט, צוריק פון א באזוך אין די שטאטן, וואו ער איז געווען פארבעטן אויף א ציקל לעקציעס אין אַן אוניווערסיטעט, א ישראל פּראָ־פעסאָר, דוכט זיך פון ווייצמאן־אינסטיטוט, אין רחובות אַן העכסט־איג־טעליגענטער מענטש, געפינט זיך שוין פאר איבער דריי צענטליק יאָר אין ישראל, א פּראָפעסאָר מיט א וועלט נאָמען. ער האָט יאָ אַן אָנטייל גענומען אין שמועס מיט עטלעכע רייזנדע, אָבער וועגן גאָר טריוויאלע ענינים. די ערנסטע שמועסן אינטערעסירן אים נים.

די הויפט טעמע איז די שוץ און זיכערקייט פון מדינת־ישראל וואָס איז, כידוע, ארומגערינגלט מיט שונאים. מיט גרויס זאָרג שמועסן יידן וועגן אָט די זיכערקייט ענינים, צו מען קען זיך טאקע פארלאָזן אויף דער „אָנו" (יונייטעד ניישאָנס) אימעצער ווענדעט זיך צום פּראָפעסאָר ק. ער

זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן די געפאַרן פאַר ישראל מצד די אַראַבישע שכנים. דער פּראָפעסאָר גיט צו פאַרשטיין דעם ענין ניט ווי אַן אייגענער נאָר מיט דיסטאַנץ, עלעהיי ער לייענט אַ לעקציע פאַר די גלות לייט, זיי זאָלן פאַרשטיין די סיטואַציע. דער פּראָפעסאָר איז גלייכצייטיק אַ הויכער אָפיציער אין דער אַרמיי — אין רעזערוו — זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען זיינען העכסט אינטערעסאַנט.

„ניט די ישראלים האָבן מורא פאַר די אַראַבער, נאָר פאַרקערט. אַט פּראָטעסטירט ירדן, צוליב די צוגרייטונגען דורכצופירן דעם פּאַראַד פון יום עצמאות אין ירושלים. נאָסער האָט מורא, ווען ניט, וואָלט ער שוין לאַנג אָנגעפאַלן אויף דער מדינה. היינט קעמפט מען מער ניט מיט מאַסן סאָלדאַטן, נאָר מיט די גייסטע, דעליקאַטע און קאָמפּליצירטע וואָפן, צו וועלכע מען דאַרף האָבן העכסט אויסגעשולטע סאָלדאַטן-טעכניקער, און מיט גרויס אינטעליגענץ. ס'זיינען אַוועק די צייטן פון מאַסן מלחמות, היינט קענען געפירט ווערן מלחמות נאָר מיט קליינע גרופּן וועלכע דאַרפן זיין גוט צוגעגרייט זיך צו באַנוצן מיט דאָס נייסטע געווער. אַמאָל איז אַ קאַפּיטאַן געווען דער הויפּט פון הונדערט-צווייהונדערט סאָלדאַטן. היינט דאַרף יעדע גרופּע פון פיר ווערן אָנגעפירט דורך אַן אָפיציער. נאָסער האָט מעגלעך די נויטיקע וואָפן, אָבער ישראל האָט צו דעם די אינטעליגענץ, די פאַכמענישע צוגעגרייטקייט און דעם עקשנותדיקן ווילן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. אויסצושולן אַזעלכע גוטע סאָלדאַטן ווי ישראל פאַרמאָגט עס, וועט עס ביי די אַראַבער געדויערן נאָך לאַנגע יאָרן".

אַזאַ אָפּשאַצונג פון אַ פאַכמאַן, מאַכט לייכטער דעם געמיט. די גאַנצע וועלט ווייס, אַז די ישראל אַרמיי איז איינע פון די בעסטע אויף דער וועלט, אָבער ס'איז אַן אַרמיי פאַר פאַרטיידיקונג, ניט פאַר אָנגריף. ווען ישראל וואָלט געהאַט אַט די עקספּאַנסיע פּלענער, וואָס שונאים ווילן איר צושרייבן, וואָלט די אַרמיי געקענט באַוויזן איר קראַפט. אָבער די אַרמיי פון מדינת-ישראל וועט קיינמאָל ניט אויסגענוצט ווערן אויף אָפענסיווע פּלענער. ס'איז אַ פאָלקס אַרמיי וואָס וויל נאָר אָנהאַלטן דעם סטאַטוס-קוואָ, דעם שלום, דער פּראָפעסאָר ק. שטרייכט נאָכאַמאָל אונטער, אַז די מדינה וועט פייערן אַ גרויסן יום-טוב, דעם טאָג וואָס ס'וועט אונטערגעשריבן ווערן אַ שלום צווישן איר, און די אַראַבישע שכנים.

אויף אַ באַמערקונג וועגן די ישראלים בכלל און די יוגנט פון ישראל בפרט, זאָגט פּראָפעסאָר ק. אַרויס אָריגינעלע געדאַנקען.

די יוגנט פון ישראל צייכנט זיך אויס מיט שכל הישר, אָבער ניט מיט איבערגעשפּיצטקייט. אין די גלות לענדער האָט מען געדאַרפט זיין איבערגעשפּיצט, כדי צו פאַרנעמען דעם זעלבן פּלאַץ, וואָס אַ גוי האָט עס באַקומען אָן איבערגעשפּיצטקייט. די יוגנט אין ישראל איז אַזוי אַרום מער

גייסטיק באַלאַנסירט, דאַרף ניט אָנשטרענגען דעם אינטעלעקט ביי אַ נאָרמאַלער סיטואַציע. דער ישראלי בכלל איז פריי פון די קאָמפּלעקסן וועלכע האָבן געדריקט דעם יידן, פאַר הונדערטער יאָרן, אין די גלות לענדער.

מען רעדט אויף יידיש. יידיש איז און וועט נאָך פאַר דורות זיין, די פאַרבינדונגס שפּראַך פון יידן אין דער גאַנצער וועלט. אָבער אינעם טאָן, פילט זיך דיסטאַנץ, אָפּגעפרעמדקייט. ס'איז אַ שמועס פון אַן עלטערן ברודער מיט יינגערע וועלכע זיינען ניט קיין גרויסע מבינים אויף די זאַכן. די עטלעכע יידן־צוהערער, פילן זיך נישט געהויבן, פון דעם פּראָפעסאָרס טאָן, ווי ער וואָלט גערעדט פון אַ קאַטעדרע צו תלמידים פון ערשטן קלאַס.

אָבער ס'פינקלען אין דער נאַכט פייערלעך פון דער ערד. דאָס דערנענטערט זיך דער אַעראָפּלאַן צו דעם לאַנד פון ישראל. קרוב צוויי טויזנט יאָר האָט געדויערט דאָס צושפּרייטן זיך פון יידן איבער דעם גאַנצן גלות. איצט געדויערט עס אַ קנאַפּן מעת לעת, דאָס צוריקקומען. ווען דער אַעראָפּלאַן לאַנדעט, איז יעדער רייזנדער איבערגעפולט מיט עמאָציעס. אָט שטייט שוין דער לופט אַפּאַראַט אויף דער ערד פון ישראל. די ערשטע טריט וואָס דער רייזנדער מאַכט אויפן באָדן פון דער יידישער לאַנד, זיינען וואַקלדיקע, ניט מחמת שוואַכקייט נאָר פון גרויס גייסטיקן אויפרודער, דאָס איז די אדמת הקודש וואָס דורות האָבן געחלומט איר צו באַטרעטן, דאָס איז די ערד פון ישראל. און די פקידים (באַאַמטע) וועלכע רעווידירן די פּאַסאַפּאָרטן, דעם באַגאַזש, דאָס איז מלכות ישראל. אָט דאָס מלכות פון וועלכער דער תנך דערציילט, די געשיכטע האָט געשריבן. אָבער ס'איז דאָך שוין אַזוי לאַנג פון דעם. און איצט איז עס צוריק ווירקלעכקייט.

מלכות איז מלכות. מעג עס זיין יידישער מלכות, מען קוקט גוט אריין אין פּאַספּאָרט. מען הייסט עפענען דאָס באַגאַזש. די באַאַמטע רעכענען זיך ניט מיט די געפילן פון די רייזנדע, וואָס וואָלטן שוין וואָס גיכער געוואָלט באַפרייט ווערן פון דער פּראָצעדור. קרוב 20 שעה איז מען געפאָרן אין דער לופטן, מען איז מיד, אביסל נערוועז און גאָר שטאַרק עמאָציאָנירט. אין דרויסן, אויסערן בנין פון לופט־פּאָרט וואַרטן פריינד, קרובים מיט וועלכע מען האָט זיך נישט געזען דרייסיק יאָר, פערציק יאָר. קרובים: איינצעלנע צווייגן פון מעכטיקע ביימער, די לעצטע פון צעצווייגטע משפחות, די איינציק לעבעדיקע קרובים פון גאַנצע שטאַמען.

אָבער מלכות איז מלכות. די מדינה איז ניט מחויב צו וויסן פון די טיפע ברויזן אין דער נשמה פון דער אויסגעבענקטער דערוואַרטונג. דער אַפּאַראַט אַרבעט לאַנגזאַם, די באַאַמטע זיינען ניט אָנגעשטעקט מיט דער באַגייסטערונג און דראַנג פון די דערשעפּטע רייזענדע.

מען קומט אַרויס פון לופט־פּאָרט. אַפּגעצאַמט שטייט אַ וואַרטנדיקע מאַסע מענטשן וואָס זיינען געקומען אָדער אָפּוואַרטן די קרובים, אָדער

ס'איז גלאַט אינטערעסאַנט צו זען ווי מענטשן קומען צופאָרן פון ווייטע מקומות. דער רייזענדער שטעלט זיך אָפּ אויפן בריקל אויף אַ ווייל און קוקט לאַנג אויף דער מאַסע. פּרובירט טרעפן צו אָט דער פּנים, איז עס פונעם קרוב וואָס פערציק יאָר, יע פערציק לאַנגע טרויעריקע חורבנדיקע יאָרן זייגען אוועק פון דאַן, ווען מען האָט זיך צוקושט, צוזעגנט אין יענער, היינט אומגעקומענער, שטעטל, איז עס אָט דער אָ, אָדער איז עס יענער פּנים?

אָבער פּיכט איז דאָס אויג און זעט ניט גוט, אָריענטירט זיך ניט אין די הונדערטער פּנימער, וועלכער פון זיי געהערט דעם קרוב. אימעצער שרייט אויס „אָט איז ער" און אַ קול ענטפערט. „ניין, ס'איז ניט דער, ס'איז יענער וואָס גייט אַרויס איצט דורכן טיר".

אַרונטער פונעם טרעפּ, דורכגעגאַנגען דאָס טירל וואָס פירט צום עולם. זוכט דאָס אויג ווידער. זאָל עס זיין אָט דער הויכער מאַן מיטן היטל אויפן קאָפּ! יענער וואָס איז געזעגנט געוואָרן מיט פערציק יאָר צוריק, האָט געהאַט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר, און אפשר איז עס דער בליק פון יענער פרוי וואָס זעט אויס אַזוי מיד, צעאַקערט דער פּנים אין קנייטשן, די האָר ווייס, די ברעמען גרוי. ניין, ס'איז נישט יענע שיינע לעבעדיקע, פרייליכע מיידל פון אַמאָל. אָבער דערביי שטייט אַ מיידל, יע דאָס איז זי, דאָס איז דער פּנים וואָס איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פאַר די לעצטע פערציק יאָר. און דער הויכער יונגערמאַן מיט דער טשופּרינע, דאָס איז ער דאָך דער קרוב. און דער רייזענדער גייט צו דרייסט צום יונגנמאַן און זאָגט אים „דו ביסט", אָבער דער עלטערער הער ביים זייט ענטפערט, „דאָס בין איך, און דער איז מיין זון".

מיט אַמאָל ווערט אַזאַ געהודערט אַזאַ ווירוואַר, וואָס דער מוח, דער באַוואוסטזיין איז ניט מסוגל אויפצונעמען און צו פאַרצייכענען אין זכרון. ס'פלעכטן זיך הענט, ס'האַלדזן זיך די קעפּ, ס'רינען טרערן פון די אויגן ווי קוואַלן. עפּעס אַ טראַנס איז געפאַלן אויף אַלעמען, אַלע ריידן און קיינער הערט ניט, און פאַרשטייט ניט וואָס דאָ געשעט. אָבער אַלע פילן איין און דעם זעלבן געפיל. דאָס איז די בלוט פון מיין בלוט און ביין פון מיין ביין, דאָס איז די צוריק פאַרייניקונג פון דער משפחה. דאָס איז ער, דער דערוואַרטעטער פּנים. דאָס איז זיין געזיכט און זיין שמייכל. מען קוקט זיך ווידער אַמאָל אָן, און מען חדושט זיך: ווי אַזוי איז עס מעג־לעך געווען אַז כ'האָב דיר ניט דערקענט? דו ביסט דאָך דער זעלבער!

ס'זיינען צופיל עמאָציעס פאַר איין אָוונט. אָט דאָס טרעטן אויף דער אַלטער, קיינמאָל ניט פאַרגעסענער ערד פון ישראל. אָט די אַלע אַרומי־קע וועלכע זיינען יידן, ברידער, אָט דער לופט־פּאָרט, באַאַמטע, טרעגער און שאָפערן, אַלע אייגענע. און אָט די קרובים וועלכע שטייען דאָ אַרום,

געקומענע פון סיביר, פון די בערג אין קאווקאַז, פון די גאַז אויוונס פון אָשווענטשים, פון קאָנצענטראַציע לאַגערן.

ס׳זיינען אריבער די ערשטע מינוטן פון איבעראַשונג, דער מוח הויבט ווידער אָן צו פונקציאָנערן. דער רייזענדער הויבט אויף זיינע הענט און זאָגט: „שלום לך ישראל, שלום עליכם אחים ואחיות. ס׳איז דער פריי־דיקסטער מאָמענט אין מיין לעבן, אייך צו טרעפן דאָ אין מדינת ישראל".

און אַלע נעמען זיך אַרום ביי די הענט און אונטערטאַנצנדיק פאַרנעמט מען זיך צו די אויטאָס וואָס וועלן פירן צו דער אכסניה.

— וואוהין פאָרן מיר?

— מיר פאָרן אַהיים. אין אונדזער היים.

— 4 —

דער טרקלין

דער טרקלין, דער אויסגעחלומטער פּאַלאַץ, מיינט דאָ לחלוטין ניט אַ גרויסאַרטיקער זאַל, מיט פּרעכטיקע טעפּיכער מיט פינקלענדיקע זשיראַנ־דאָלן מיט באַשפּיגלטע ווענט אַ. אַ. וו. ניין, דער טרקלין־מדינת ישראל אין אויבנאויפיק גאַנץ פּראָזאיש. באַוועגונגען איבער די גאַסן. מענטשן גייען, פּאָרן צו דער אַרבעט, דאָ פירט מען מילך און דאָרטן פירן שווערע לאַסט אויטאָס קעסטלעך מיט מאַראַנצן. ס׳ווערן געפּלאַסטערט גאַסן, מען עפנט אויף — פרימאָרגן — די קראָמען, מען פאַרקויפט לאָטעריי צעטלען און מען לייענט צייטונגען.

תל־אביב און רמת־גן זיינען כמעט איין שטאָט, נאָר אָפיציעל זיינען זיי 2 שטעט. די באַוועגונג צווישן אָט די צוויי שטעט איז אַן אומגעהייער גרויסע. צוזאַמען פאַרמאָגן די צוויי שטעט אַ באַפעלקערונג פון קרוב זיבן הונדערט טויזנט כן ירבו, אָבער דער איינדרוק, לויט דער באַוועגלעכקייט פון דער באַפעלקערונג, איז ווי דאָרטן וואָלטן געלעבט אַ דריי מיליאָן מענטשן. די אויטאָבוסן און די „שרות" (טאַקסים) וואָס קורסירן צווישן די צוויי שטעט זיינען איבערגעפּילט מיט מענטשן. בכלל איז דער איינ־דרוק אַז מדינת ישראל איז איינע פון די באַוועגלעכסטע אויף דער וועלט.

די מענטשן אויף די גאַסן גייען ניט עלעגאַנט אָנגעטאָן. ס׳איז אַן אַרבעטער עלעמענט וואָס איז ניט אַזוי מדקדק אויפן אויסערלעכן עטיקעט, אָבער מען מערקט לויט די פּנימער, אַז דאָס איז אַ זאַטער עלעמענט. מענטשן וואָס האָבן גענוג צום עסן. די קינדערלעך וועלכע ווערן גאָר באַזונדער אָפּגעהיט, זעען אויס געזונטע, באַוועגלעכע, פריילעכע. אין שפּאַניש איז דאָ אַ באַצייכענונג „דעספּיערטאָס" דאָס הייסט וואַכעדיקע, נישט קיין פאַרשלאָפענע.

דער עקאָנאָמישער מאָמענט איז שטענדיק דער זיכערער באַראָמעטער צו וויסן ווי ס׳לעבט אַ פאָלק. וויפל צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער דאָס

פאָלק קאָנסומירט, וויפל טעאַטערן און קאָנצערטן ווערן באַזוכט, דאָס איז א גאַנץ אַנדער קאַפּיטל. צום אַלעם ערשטן קומען די גאַנץ פּראָזאַישע ענינים פון עסן, קליידונג, וואָנונג, אַרבעט, טראַנספּאָרטאַציע וכדומה. עסן איז דאָ געגוג אין מדינת ישראל. מיר געדענקען ניט די ריכטיקע ציפערן, וויפל מיליאָנען קעסטלעך אייער און וויפל טאָן קאַרטאָפל, ישראל עקספּאָר־טירט אין אַנדערע לענדער. מען עקספּאָרטירט דעם עודף. ס׳איז דאָ גענוג ברויט, גרינסן, קאַרטאָפל, פיש, עופות און אַנדערע עסנווארג. און די פּרייזן זיינען נישט קיין טייערע. פאַר לערך אַנדערהאַלבן דאָלאַר, אָדער 18-20 מעקסיקאַנישע פּעזאָס קען מען אָפּעסן א גאַנץ לייטישן מיטאָג אין א פיינעם רעסטאָראַן: ישראל פאַרמאָגט שוין אַפילו אַן אייגענעם נאַציאָ־נאַלן מאכל „פאַלאַפעל", א מין אָריענטאַלישער מאכל וואָס האָט זיך איינ־געבירגערט אין לאַנד. כדי זיך נישט פאַרנעמען צו לאַנג, צו שילדערן די מאכלים, פאַרצייכענען מיר מיט צופרידנקייט: אין מדינת ישראל איז דאָ עסן לרוב.

קליידונג, ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, איז דער ישראלי ניט שטאַרק מקפּיד אויף שיק און גלאַנץ. מען גייט אָנגעטאָן באַקוועם און דאָס איז גענוג. נאָר א סך פרויען, איבערהויפּט מיידלעך גייען אין הויזן. די פרויען קליידער זיינען איינפאַכע, צוגעפּאַסטע צום וועטער. מיר רעדן וועגן דעם דורכשניטלעכן מענטשן אין גאַס. פאַרשטייט זיך אַז אויף כּכר דיזענגאָף, קען מען טרעפן אויסגעפּוצטע דאַמען און עלעגאַנט געקליידעטע מענער. אין די געשעפטן אויף דיזענגאָף, בן יהודה און אַנדערע צענטראַלישע גאַסן, געפינען זיך געשעפטן מיט די נייסטע סחורה פון אייראָפּע און פון תוצרת הארץ (נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע). רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס וואָס וואָלטן געקענט שטיין אין די שענסטע אייראָפּעאישע שטעט. וועגן קליידונג מוז זיין דער אויספיר, אַז דער דורכשניטלעכער אַרבעטס מענטש קען זיך ניט דערלויבן אויף עלעגאַנטע מלבושים.

קיין גרויסאַרטיקע וואוינונגען זיינען אויך ניט אין דער מאָדע. אַזעלכע געראַמע שלאָף צימערן, עס צימערן, סאַליעס, ביבליאָטעקן, קיכן, ווי מען זעט עס נאָר אָפט אין מעקסיקע למשל איז כמעט ניט צו געפינען אין מדינת ישראל. מיר האָבן געזען וואוינונגען פון אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, מיליטער שעפן, הויכע פּקידים פון דער רעגירונג, באַלעבאַטים פון געשעפטן. כמעט אַלע זיינען פון זעלבן שניט. צוויי דריי ניט קיין צו גרויסע צימערן. אָבער אומעטום ריין און ציכטיק. ווינציק מעבל אָבער פונקציאָנאַל. ס׳הייסט ניט גלאַט אָנגעשטעלט מעבל פון שיינקייט וועגן, נאָר די נויטיקסטע מעבל וואָס א הויז דאַרף האָבן. כמעט אַלע דירות זיינען אייגענע. דאָס ערשטע צו וואָס א ישראלי שטרעבט, איז צו האָבן אַן אייגענע היים. ס׳ווערט אויסגעבויט א געביידע פון 5-6 עטאַזש, און די וואוינונגען ווערן פאַר־

קויפט, אַ וואוינונג פון צוויי צימערן (ניט רעכענענדיק די קיך און באָד־צימער) קאָסט לערך צען טויזנט פונט, פון דריי צימערן, ביי פופצן טויזנט פונט. (אַ פונט איז לערך אַ האַלבער דאָלאַר) די אָפיציעלע נאָמינאַציע פון די ישראל געלט איז לירות, און אגורות. (הונדערט אגורות אין אַ לירא) אָבער דער עולם באַנוצט זיך מיט די אַמאָליקע ענגלישע טערמינען פונט און פיאַסטער. די וואוינונגען ווערן פאַרקויפט און דאָס הויז ווערט נאָכדעם אַ שותפותדיקע פון אַלע שכנים (אין מעקסיקע רופט מען עס „קאָנדאָמיניאַ”).

ארבעט איז דאָ אין מדינת ישראל, אַן אַרבעטער פאַרדינט לערך פון 10—15 לירות אַ טאָג. אַראָפּנעמענדיק די שטייערן בלייבט דעם אַרבעטער לערך דריי הונדערט לירות אַ חודש. מיר האָבן זיך באַקענט מיט מענטשן אָנגעשטעלטע אין געשעפטן, וואָס פאַרדינען 250־300 לירות אַ חודש און לעבן גאַנץ באַלעבאַטיש.

די טראַנספּאָרטאַציע איז באַדייטנד ביליק, נעמענדיק ווי אַ דוגמא, די פ. שטאָטן, למשל: אין ניו־יאָרק קאָסט דאָס פאָרן מיטן אויטאָבוס אָדער אונטערערד באַן, 15 סענט. אין ישראל קאָסט 11־12 אגורות וואָס מאַכט אויס 5־6 אַמעריקאַנער סענט. פון תל־אביב קיין רמת־גן, אַ שטרעקע פון לערך 20 מינוט אין אויטאָבוס קאָסט 18 אגורות (לערך 9 אַמעריקאַנער סענט) מיט אַ „שרות” (אַ טאַקסי וואָס נעמט אריין 7 פּאַסאַזשירן) קאָסט די זעלבע רייזע מיט 2 אגורות מער. ס'הייסט 20 אגורות פון תל־אביב קיין רמת־גן אָדער פאַרקערט. דער אָפיציעלער פּרייז פון דאָלאַר איז: פאַרן ישראל בירגער 1.80 (איין לירע מיט אַכציק אגורות), פאַר אַ דאָלאַר. טוריסטן באַקומען 2.15 פאַר אַ דאָלאַר.

דער אַגריקולטורעלער און אינדוסטריעלער פּראָגרעס פון מדינת ישראל איז באמת צו באַוואונדערן. מיט צען יאָר צוריק האָט מען נאָך צוגעטיילט יעדן בירגער איין איי אַ וואָך. היינט ווערן עקספּאָרטירט מיליאָנען קעסט־לעך אייער קיין אויסלאַנד. ס'ווערן היינט פאַבריצירט אין ישראל כמעט אַלץ וואָס אַ מאָדערנע לאַנד האָט נויטיק. עלעקטרישע אייז־קאַסטנס, ראַ־דיאָס, מעבל, טעקסטיל, צוקער, מעדיצין און אינדוסטריעלע מאַשינען.

דאָס לאַנד בויט זיך מיט אַ ראַשיקן טעמפּאָ. ישראל איז היינט איינע פון די געציילטע לענדער אויף דער וועלט, וואו ס'לוינט צו אינוועסטירן קאַפּיטאַל. ווי געזאָגט, ווערט אין ישראל פאַבריצירט כמעט אַלץ וואָס דאָס לאַנד קאָנסומירט. אָבער ס'איז פאַראַן אַ גאָר גרויסער פעלד פאַר נייע פאַבריקן. מיר ווילן נישט אַריין גיין אין דעטאַלן, נאָר נאָך אַ קורצן שטודיום וועגן דער ישראל פּראָדוקציע היינט, האָט דער שרייבער פון די שורות רעקאָמענדירט פאַר אַ גרופּע פריינט אין ישראל, וואָס אַ שטייגער מען קען נאָך היינט אָנפאַנגען צו פּראָדוצירן. די ישראלים האָבן מסכים געווען

אז די אנאליזע וועגן נייע, און אויסגעבעסערטע פּראָדוקציעס, איז אַ פּראַק־טישע און ריכטיקע.

און נאָך אַן „אנטדעקונג". ס'איז אָנגענומען אַז ישראל איז אַ קליין לאַנד. קוקנדיק אויף דער מאַפּע זעט טאַקע ישראל זיך קוים אָן. רעלאַטיוו צו איטאַליע, פראַנקרייך אָדער צו דער רחבתדיקער מעקסיקע, וואָס איז געבענטשט מיט אַ ריזיקער טעריטאָריע, איז טאַקע מדינת ישראל אַ „קטנ־טנית" אַ פּיצל לענדעלע. האָט דער שרייבער פון די שורות „אַנטדעקט" אַז מדינת ישראל איז גאָר ניט אַזוי קליין. וועגן נגב ווייסן אַלע אַז ס'איז אַ באַדייטנדיקער שטח וואָס איז נאָך גאַנץ פּוסט. אָבער אפילו ביז באר־שבע, און פון באר־שבע ביז סדום איז דאָ גרויסע שטחים ערד וואָס קענען נאָך באַאַרבעט ווערן. אפילו אין גליל, אינעם אויבערשטן און אונטער־שטן גליל זיינען נאָך דאָ טויזנטער, צענטליקער טויזנטער דונאַם וואָס שטייען נאָך פּוסט מחמת כמה טעמים. ישראל איז נאָך זייער שיטער באַ־פעלקערט. ס'זיינען נאָך דאָ גענוג שטחים פאַר דערפער און שטעט. אויב דער "זארכין פּלאַן" וועט זיך איינגעבן — זארכין, אַן אינזשעניער וואָס האָט דערפונדן אַ מעטאָדע צו אַנטזאַלצן די ים וואַסער — וועט ישראל אין געציילטע יאָרן אויסזען ווי אַ גן עדן.

אין ישראל פעלט וואַסער. די רעגירונג רעאַליזירט איצט באמת ני־גאַנטישע אונטערנעמונגען, צו ברענגען וואַסער צו די שטחים וואָס לעכצן ממש נאָך אַ טרונק. מען פּרובירט צו פירן די וואַסער פון ירדן צו די נויטיקע שטחים. די אַראַבער סטראַשען און פּראָטעסטירן. לויט זייער יושר קומט אויס אַז ס'זאָל בעסער זיין וויסט און מדבר אין ישראל, איידער ס'זאָל גרינען. איז די פּאָליטישע סכסוכים, דאָס איז ניט אונדזער געביט. אָבער דאָס ניט וועלן דערלאָזן אָנצוטרינקען די ערד וואָס חלשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, איז ממש אַ נידערטרעכטיקייט.

דער פּרעמיער פון ישראל, דוד בן־גוריון רופט, מאָנט אַן אימיגראַציע. ווערט מען צוגעוואוינט צו זיין רוף. ס'איז מסתמא ביי אים אַ מין „אידייע פיקס", אַן איינריידעניש. אָבער באַזוכנדיק ישראל, באַגריפט מען דאָן, ווי ריכטיק און טרעפלעך זיינען די וואונטשן פונעם פּרעמיער מיניסטער פון ישראל. די מדינה נויטיקט זיך אין פרישע בלוט, אין נייע מענטשן, אויף אַלע געביטן פון דערווירטשאַפט. מענטשן און קאַפּיטאַל. די פּריוואַטע איניציאַטיוו פאַרלאַנגט נייע אונטערנעמונגס מענטשן, מאָדערניזירן די אינדוסטריע, איר מער אַקטיוויזירן און רענאָווירן, ברענגען נייע אידייען און איינפאַלן, בויען נייע אונטערנעמונגען. מדינת ישראל געפינט זיך איצט אין אַזאַ עקאָנאָמישע סיטואַציע, וואָס אַלץ, אָבער בפירוש אַלץ, וואָס מען זאָל דאָרטן ניט אונטערנעמען, וועט ברענגען געוואונטשענע רעזולטאַטן. נאַטירלעך דאַרף מען בויען אַן אונטערנעמונג מיט מאָדערנע מעטאָדן, מיט

מאָדערנע איינריכטונגען און מאַשינעריע, ספּעציעל מיט דערפאַרענע אונ־טערנעמער. דער נייער עולה פון רומעניע פון פוילן און א פשיטה שוין פון די אָריענטאַלישע לענדער, איז ווינציק באַקאַנט מיט די נייסטע טעכנישע מעטאָדן פון פּראָדוקציע. צו דעם נויטיקט זיך דאָס לאַנד אין אַן אימי־גראַציע פון די הויך אינדוסטריאַליזירטע מערב־לענדער.

און אויך די לאַנדווירטשאַפט נויטיקט זיך אין נייע מעטאָדן, און ספּע־ציעל אין מער מענטשן מיט א גרויסע מאָס ענערגיע און א גרויסע מאָס אידעאַליזם. די קבוצים ווערן צופיל פּראַקטיש, ס׳פעלט איצט דער חלוציא־נישער עלעמענט וואָס האָט אזוי רעוואָלוציאָנירט דאָס, פון דורות פאַרלאָזט, לאַנד אויף אַלע געביטן. זעענדיק מדינת ישראל אין איר אויפבוי און אין איר סופּעראַציע, שטייענדיק אויף דער ערד פון דער מדינה, זעט מען ערשט ווי ס׳פעלט אויס דער ברויזנדיקער, צאַפּלדיקער, ענערגישער און אונטער־נעמערישער יידנטום פון אַמאָליקן ליטע און פוילן. אינעם אומקום פונעם אייראָפּעאישן יידנטום האָט מדינת ישראל פאַרלאָרן דעם שעצבאַרסטן מענטשן עלעמענט, וואָס וואָלט געבויט די מדינה מיט אזא טעמפּאָ, וואָס וואָלט אויפגעטרייסלט א וועלט, כאָטש היינט איז די וועלט באַגייסטערט, פון די ביז איצטיקע דערגרייכונגען, און מיט רעכט.

אינעם קומול פון אַלע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל איז דאָ א פּראָ־בלעם, א געפאַר, אז ישראל זאָל אָריענטאַליזירט ווערן, אויב מ׳קען זיך אזוי אויסדריקן. — ישראל געפינט זיך דאָך אינעם אָריענט. — אָבער ס׳מיינט אַרונטערגיין פון דער האָסטיקער מדרגה און ווערן פאַרשלאָפן, נעגליגענט, פויל, אָפּגעלאָזן. די שטאָט תל־אביב רופט זיך אָפיציעל „תל־אביב־יפו", ווייל די אַמאָליקע היסטאָרישע שטאָט יפו איז א טייל פון דער לערך נייער תל־אביב. תל־אביב איז מאָדערן, פולסירניק, באַוועגלעך. יפו איז אָריענטאַליש שלעפעריק, אָפּגעלאָזן, נעגליגענט. ס׳איז איין שטאָט, וואָס איין טייל פון איר שטייט אין מזרח און דער צווייטער אין מערב. דער זעלבער ישראלי וואָס איז אזוי מונטער אין תל־אביב, זעט גאַנץ אַנדערש אויס אין יפו.

מיר ווייסן אז ס׳זייענען דאָ אויך פּאָליטישע מאָטיוון וואָס זיינען גורם אז יפו זאָל אויסזען אזוי אַנדערש ווי תל־אביב, אָבער די זעלבע מאָטיוון קען מען אַנדערש אויסטייטשן, און ניט נאָר יפו וואָלט געוואונען נאָר אויך דער פּרעסטיזש פון דער מדינה.

— 5 —

גאַסן ריידן, דערציילן

צו נאָענט איז די דיסטאַנץ אַז היינט, צו דער בר־מצוה פון מדינת־ישראל, זאָל מען שוין קענען אונטערציען סך הכלען, וועגן דער דעצידירנ־דער ראָל וואָס די מדינה האָט געשפּילט, אינעם ראַטעווען ממש, דאָס פאָלק ישראל פון אונטערגאַנג. אונטערגאַנג; ניט פיזיש, נאָר גייסטיק, פאָלקיש, נאַציאָנאַל. די שרעקלעכע אבידה פון אַ דריטל פון פאָלק אין אַזעלכע מוראַדיקע אומשטענדן. דער פאַקט אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט עס געקענט געשען, אַז איין בלאָק פעלקער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן טאָטאַל דאָס יידישע פאָלק, און דער צווייטער בלאָק פון פעלקער האָט עס צוגעזען, און כמעט ניט רעאַגירט אויף דעם מוראַדיקסטן פאַרברעכן פון אַלע ציימן. אַז די מעכטיקע קריסטלעכע רעליגיע מיט אַלע אירע סעקטעס און אָפּצווייגונגען, וואָס אַלע פאַראַדירן מיט קריסטלעכער ליבע צום מענטשן, האָט כמעט גאָר ניט געטאָן כדי אָפּצוהאַלטן די שחיטה פון אַ גאַנץ פאָלק. ווען די קריסטלעכע פירער וואָלטן באמת געהאַט „קריסטלעכע ליבע" אין זייערע הערצער, און וואָלטן ענערגיש געהאַנדלט, אַרויסגעקומען מיט צענטליקער „בולעס", „ענציקליקעס", אויפרופן א.א.וו. וואָלטן זיי מיט דעם געראַטעוועט מיליאָנען לעבנס.

אָט די מאוימדיקע עלנטקייט אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט זיך דערפילט, אין די פיינלעכסטע מאָמענטן פון דער יידישער טראַגיק, האָט שיר אַ תל געמאַכט פון דער יידישער גלייכגעוויכט, פון דעם ווילן ווייטער אָנצוהאַלטן דעם קיום דאָס איגנאָרירן און אין בעסטן פאַל; גלייכגילטיקייט פון מענטשן און פעלקער צו יידישע ליידן, און למאי דורכלאָזן? אויך פאַרעלנט מצד דער יידישער רעליגיע, לויט ווי דאָס פאָלק האָט זיך פאַרגעשטעלט, געלעבט אין באַוואוסטזיין אַז „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב" און „והקב"ה מצילנו מידם" (גאָט איז מציל זיין פאָלק אין מאָ־מענטן פון גרויס נויט).

האָט דער נס, דאָס אויפקום פון דער מדינה געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון גייסטיקע דעמאָראַליזאַציע, פון פאַרצווייפלונג וואָס וואָלט אויב נישט איינגאַנצן אומגעבראַכט דאָס פאָלק, אָבער געשאַפן, פאַראורזאַכט שווערע פסיכישע וואונדן. דאָס יידישע פאָלק האָט ווידער אַן אינהאַלט, אַן אידעאַל צו לעבן און צו קעמפן. צו גלויבן אין אַ ליכטיקע צוקונפט און ווייטער צו גלויבן אין מענטשן, אין פעלקער, אין אידעאַלן.

ווילן מיר דאָ דערמאָנען נאָך עפּעס, וואָס מדינת ישראל האָט געראַטעוועט. די מדינה האָט געראַטעוועט די יידישע געשיכטע פון פאַרגעסנקייט, פון אונטערגאַנג.

די געשיכטע איז פאַרבונדן מיט מענטשן, מיט נעמען. און די נעמען ווערן ביסלעכווייז פאַרגעסן. די מאָדערנע חנוך סיסטעמען האָבן קיין צייט נים פאַר נעמען און עפּאָכעס פון דער יידישער געשיכטע. האָט מדינת־ישראל אויפגעלעבט די אַלטע העלדן אויף אַלע געביטן, פון דער יידישער געשיכטע און זיי „ארויסגעפירט אין גאַס", צוריקגעגעבן דאָס פאָלק זיינע חכמים און קריגער, זיינע נביאים און געלערנטע, זיינע שרייבער און דענקער.

די גאַסן פון די שטעט און דערפער דערמאָנען אויף טריט און שריט אונדזער גלאָררייכן עבר. אַלט פאַרגעסענע העלדן, רעוואָלוציאָנערן, אויפשטענדלער און געלערנטע האָט מען באַפרייט פון די פאַרגעלטע געשיכטע בלעטער, און זיי אַרויסגעפירט אויף די זוניקע גאַסן פון די ישובים אין דער מדינה. געדענקט נאָך ווער דעם יידישן קעמפער יוסף הגלילי? איצט גייט אַ יונגנטלעכער פון ישראל אויף דער גאַס פון יוסף הגלילי אין רמת־גן. קומענדיק אַהיים וועט ער זיך געוויס נעמען אויפזוכן ווער איז עס געווען דער מאַן, וואָס די שטאָט רמת־גן האָט באַערט איינע פון אירע גאַסן, מיט זיין נאָמען?

זיי זיינען אַלע דאָ, אויפגעשטאַנען תחית המתים. די נביאים און די שופטים, די מלכים און די תנאים, די שרייבער און קינסטלער. יוחנן הורקנוס איז געווען אַ פירשט, אַ מלך ביי יידן, פון דער חשמונאים דינאַסטיע. זיין ראָל אין דער געשיכטע איז נישט אַזאַ געהויבענע. אָבער איגנאָרירן איינגאַנצן, וואָלט געווען נישט רעכט. האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ קליינע געסל, האַלב פאַרוואַקסן מיט גראָז, אין ירושלים. איבן גבירול איז געווען אַ גאָט געבענטשטער יידישער דיכטער, „פּיטן" אין שפּאַניע. נאָך היינט אין די תפילות, געפינען זיך זיינע וואונדערלעכע שאַפונגען, האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ ברייטע, שיינע גאַס אין תל־אביב.

און אָט איז מענדעלע. דער זיידע מענדעלע מיט די ברילן אויפן שטערן. מיר שפּאַצירן אויף זיין גאַס אין תל־אביב און ס'דוכט זיך אַז דער

„זיידע" שטייט ערגעץ ביים ווינקל נאָס אויף זיין נאָמען, און שמייכלט, האָט הנאה.

וויפל געדאַנקען, רעמיניסצענצן אין עמאָציעס רופט אַרויס ביי אַ יידן פון די תפוצות, קוקנדיק אויף דער בלעכל וואָס באַצייכנט די גאַס. פון יהושע בן־נון, דער לעגענדאַרער קריגס פירער וואָס האָט אַריינגעפירט דאָס פאָלק ישראל אין לאַנד כנען. און אָט איז די גאַס פון דיכטער ר' יהודה הלוי. די געשיכטע ווייס ניט צו דערציילן, וואו זיין געביין איז אומגעקומען. אָבער די נייע מדינת־ישראל האָט נישט פאַרגעסן איר גרויסן דיכטער, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין בענקשאַפט נאָך ציון, האָט באַזעצט ר' יהודה הלוי אויף אַ באַלעבטער גאַס. זאָל ר' יהודה „זען" ווי זיין בענקשאַפט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

נאָר ווינציק וועלן זיך דערמאָנען אָן דעם רלב"ג. אפשר נאָך ווינציקער פון אליהו בחור. אָבער די מדינה האַלט דעם חשבון פון אירע ליבטיקע קינדער וואָס האָבן געליגט זייער חותם אויפן יידישן לעבן. און אָט איז די גאַס פונעם באַשיידענעם וויין פאַבריקאַנט און דער גרעסטער פאַרטייטשער און דערקלערער פון תורה ביי יידן: ר"שי. און אָט איז די גאַס פון דעם „נשר הגדול" דער גרויסער אָדלער. דער זעלטענער בעל מוח און פילאָסאָף, רבי משה בן־מימון — רבמ"ם. זאָגט אַ פרוי: „פריער האָב איך געוואוינט אויף דער רמבם גאַס, איז דאָרטן געווען צו טומלדיק, איצט אין מיין דירה אויף רש"י גאַס. דאָ איז מיר זייער געפעלן. ס'איז שטיל, רואיק, און דיביימער וואַקסן גלייך אין מיין פענסטער".

ביאַליק, טשערניכאָווסקי, ליליענבלום, באַקאַנטע געמען אין דער יידישער געשיכטע. אָבער אָט איז די גאַס פון דעם ליטווישן פאַנטאַזיאָר, מאַפו. אין קאָוונע איז אַמאָל געווען אַ גאַס אויף זיין נאָמען. האָט מען אים פאַרטריבן פונעם „גרינעם באַרג" אין קאָוונע, אים פאַריאָגט פון ליטע. צוגלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע פליטים, היימלאָזע, האָט ער געפונען אַ וואַרעמע היים אין מדינת ישראל.

ווען דער שרייבער פון די שורות וואָלט זיך באַזעצט אין מדינת ישראל, וואָלט ער אויסגעקליבן די גאַס צום וואוינען, די גאַס „מסילת ישרים". די מוסר באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיט אָט דעם ספר, וואָס דער ווילנער גאון האָט אַזוי געליובט. אפשר דערמאָנט איר זיך וועגן ישר מקנדיה? ער האָט זיך אָפּגעזוכט אויף אַ גאַס אין ישראל. ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען אויפצוזוכן ערגעץ אין רוים, דעם קבר פון דעם גרויסן העלד, יוחנן איש גוש חלב. ליבן האָבן צוריסן זיין ליב ערגעץ אין אַ צירק. אים איז אָבער זיין לעבן שוין ניט ניחא געווען. זיין נשמה האָט ער אויסגעהויכט נאָך אויף די טורעמס פון ירושלים. ווער קען איצט אָנזאָגן דעם פאַרביטערטן, פאַרצווייפלטן יוחנן אַז: סמה מלכות ישראל, ס'איז צוריק אויפ־

געקומען די יידישע מלוכה, און אים האָט מען ניט פאַרגעסן. מיט געפילן פון דאַנק און אָנערקענונג האָט מען באַשטימט אַ גאַס אויף זיין נאָמען, ס׳לעבט צוריק די יידישע לאַנד און ס׳לעבט דער קעמפער פאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט.

אַריינקומענדיק אין מדינת־ישראל, קומט מען גאָר אַריין אינעם טרקלין פון דער אַלטער יידישער געשיכטע. גייענדיק איבער די גאַסן, איז עס גאָר געגומען אַ קורס אין דער פאַרגאַנגענהייט פון יידישן פאָלק, ס׳איז ניט קיין פאַנטעזאָן פון געשטאַרבענע, נאָר אַ חברותא פון לעבעדיקע וואָס יעדער איינער דערציילט עפּעס פון זיין צייט. שמואל דער נביא האַלט זיך פעסט אין זיין טעאָריע, אַז ער איז דער גערעכטער אינעם קריג מיטן מלך. און אַז ער האָט פאַרצייכנט אין תנך דעם אבסאָלוטן אמת פון די געשעע־נישן. שאול דער מלך שטייט דערביי און שמייכלט טרויעריק. ער האָט ניט קיין חשק אויפצולעבן די גרויסע מחלוקה. אָבער לויט זיין טרויעריקן שמייכל איז צו זען אַז ער האָט גאָר אַן אַנדער ווערסיע: עס רעגט אָן גאָר אַ סך צום דענקען, סיי ווענן שמואל דעם נביא וועמענס גאַס מען האָט נאָר וואָס פאַרלאָזן, און סיי ווענן שאול דעם ערשטן מלך פון ישראל וואו מען קלייבט זיך איצט אַריינצוגיין.

דורות לאַנג זיינען אונדזערע העלדן, מלכים און נביאים, דענקער און לערער, געלעגן פאַרשפּאַרט אין די ביכער געטאָס, וואָס זיי האָבן ניט גע־קענט פאַרלאָזן, פאַרשפּאַרט אין שראַנקען טונקעלע און אָן לופט. צוזאַמען מיטן לעבעדיקן פאָלק האָט מען זיי געברענט אויף שטייערהויפנס, מען האָט געהערט דאָס געוויין פון די נעפּייניקטע, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט קיין אויער צו הערן דעם וויי און צער פון געברענטן, געפּייניקטן, געפליקטן און געריסענעם, תנך, תלמוד, ספרי מוסר און ספרי חכמה. דער ספר האָט געליטן צוזאַמען מיטן פאָלק. דער נביא איז געפּייניקט געוואָרן צוזאַמען מיט די וועלכע ער האָט געטרייסט.

האָט די מדינה באַפרייט די אסירים און אויפגעעפנט אירע אָרעמס פאַר די לעבעדיקע און פאַר די געשיכטלעכע. און די לעבעדיקע קינדער זיינען געקומען פון תימן און פון פוילן, פון רומעניע און פון ליטע. שכם אחד, מיט איין אַקסל צו בויען אַ ניי יידיש לעבן.

און ס׳זיינען באַפרייט געוואָרן די יידישע בעלי מחשבה פון אַלע דורות, זיי זיינען אויך געקומען מיטהעלפן אינעם אויפבוי פון לאַנד, ישעיה און יונה, די נביאים מיט זייער מעכטיקן וואָרט. די תנאים מיט זייער לערנען און התמדה. די דיכטער און לערער, ביאַליק און אחד העם. זיי וועלן פאַרנעמען די קאַטעדרעס אין אוניווערסיטעט און איבערגעבן זייערע טראַכטונגען צו די נייע דורות. יהושע בן־נון, שמשון און יוסף טרומ־פעלדאָר לערנען די יוגנט ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון אָנפאַלער,

די דיכטער וועלן אינספּירירן נייע לידער, די דערציילער, נייע טעמעס אַלע צוזאַמען קומען אַרויס פון דער געשיכטע, באַפרייטע, דערמוטיקטע און גייען אין פאָלק, אין שטאָט און אין קבוץ, כדי מיטצוהעלפן אינעם צוריקבוי, אינעם אויפריכטן דאָס לאַנד.

און נאָר מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלעמען וועט דאָס לאַנד אויפקומען מיט אַ ניי ליכט, צוזאַמען: די ישראלים מיט די יידן פון די תפוצות, די היינטיקע און די געשיכטלעכע, די ישראלים בויען, די תפוצות טראָגן צו די מאַטעריאַלן. יהושע בן־נון און דוד המלך, עזרא און יהודה הנשיא, ירמיהו און דער ווילנער גאון, שלום עליכם און ביאַליק, הערצל, אוסישקין און בן־יהודה, זיינען די אויפזעער אויף דער אַרבעט, די וועלכע קוקן אַריין אין די פּלענער, אַז דער בנין זאָל זיין לויט די אָנגעצייכנטע פּלענער פאַר לאַנגע דורות. טויזנטער יאָרן האָט מען זיך געגרייט צו אָט דעם טאָג. איצט הויבט זיך אָן די הגשמה (דאָס פאַרווירקלעכן) פון די פּלענער, פון אויפבויען אַ מדינה באַזירט אויף די צייכענונגען פון די מייסטער פון יידישן פאָלק. פון נביאים, לערער און וועג־ווייזער.

פרעגט איין ישראלי ביים צווייטן, שלום! פון וואַנען קומט איר און וואוהין גייט איר? ענטפערט דער צווייטער: מיר קומען פון די לוחמי הגיטאָאות (די גאַס פון די געטאָ קעמפער) און גייען אויף מסילת ישרים (אויף דער גאַס „מסילת ישרים” די וועגן, שטעגן פון גערעכטיקייט, פון די גערעכטע).

— 6 —

ערב פסח

די יידישע יום טובים האָבן צוריק באַקומען זייער ווירדיקן תיקון אין מדינת־ישראל. דער יום טוב פון באַפרייאונג, פסח, באַקומט זיין ריכטיקן זין נאָר אין דער מדינה. דאָ איז פסח ניט קיין לעגענדאַריש יום־טוב, ניט קיין מעשה פון אַמאָל, נאָר אַ פּאַסירונג וואָס האָט נאָך נעכטן געשען.

דער גאַנצער געשיכטלעכער פּראָצעס פון איבערגאַנג, פון עבדות לחרות (פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט) איז נאָר וואָס איבערגעלעבט געוואָרן פון דעם גרעסטן טייל ישראל איינוואוינער. נישט איין פרעה, נאָר אַ סך פרעהס זיינען געווען אונטער פאַרשידענע נעמען. איינער פון די ערגסטע פרעהס זיצט היינט אין אַ שטייג אין ירושלימער בית־עם און וואַרט אויפן משפט. די קנעכט פון נעכטן גייען היינט אַרום פרייע איבער די גאַסן פון תל־אביב און פון ירושלים.

מען זעט אויך אויף די גאַסן די נאַכווייענישן פון דער קנעכטשאַפט, פון דער באַפרייאונג מלחמה און פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן. דער טו־ריזם איז נישט צוגעגרייט צו זען אינוואַלידן, קאַליקע, אויף די גאַסן פון תל־אביב. ער וויל זען די בליענדיקע פּרדסים וואָס פאַרשמעקן די לופט מיט זייערע ריחות. ער איז געקומען זען ווי מען בויט הייזער און מען פאַראַקערט נייע פעלדער. די קאַליקעס וואָס בעטן נדבות אויף די גאַסן רופן אַרויס אַנדערע עמאָציעס.

אָבער זיי זיינען אויך אַ טייל פון דער מדינת־ישראל־לאַנדשאַפט. זיי די בעטלער, זיינען דער „זכר לטיט”, דער זכר פון דער גרויזאַמען נעכטן די סמנים פון די ליידן אין קנעכטשאַפט. די דרייצן יאָר פון ישראלס אומ־אָפּהענגיקייט האָבן נישט געקענט טאָטאַל פאַרווישן די שפּורן פון די גרוי־זאַמע צייטן.

אין דער סדר נאַכט איז שטיל אין די גאַסן און שמחהדיק אין די היי־מען. די שטילקייט רופט אַרויס באַוואונדערונג פאַר דער מוטיקייט פון די

ישראלים. די גרענעצן זיינען ממש מיטן האַנט צו דערלאַנגען, קיין שלום מיט די שכנים איז ניטאָ. דאָך זעט מען ניט איבער די גאַסן פון די שטעט און דערפער קיין מיליטערישע פּאַטרולן, קיין באַוואָפנטע כוחות. קיין זאָרג אַז עפּעס קען חלילה געשען. דאָס מיליטער, סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס גייען אַרום איבער די גאַסן, ביי טאָג, אינגאַנצן אומבאַוואָפנט, איצט זיצן די מיליטערישע איינהייטן ביים כדר. אין דער אייגענער היים, אויף אורלויב, אָדער אין די קאַזאַרמעס און זינגען „והיא שעמדה".

איינער פון די ניסים איז, וואָס אַט די וועלכע האָבן נאָך נעכטן געציטערט פאַר אַן עלה נדף (פאַר אַ בלעטל וואָס האָט זיך געווירבלט אויפן ווינט) פאַר אַ קלאַפּ אין טיר, פאַר אַ ניט גינכטיקע ידיעה אין אַ צייטונג וכדומה, ווייסן היינט בכלל ניט וואָס איז אַזוינס פחד. ניטאָ קיין שרעק אין מדינת ישראל. ביינאַכט אין פינסטערע אָפּגעלעגענע גאַסן, אין קוים באַלויכטענע פּאַרקן, גייען אַרום מענטשן, קינדער, מיידלעך, און האָבן ניט קיין מורא. ביי די גרענעצן אין ישראל, — די גאַנצע מדינה שטייט דאָך ביים סאַמע גרענעץ, — איז ניט צו באַמערקן אפילו קיין נערוועזיטעט. ס'איז אַ נאָרמאַל לעבן, פון אַ נאָרמאַל פאָלק.

פאַר פסח האָבן טוריסטן דערווייל אַריינגעכאַפּט עטלעכע באַזוכן נאָענט צו תל־אביב, קיין ראשון לציון, קיין פּרדס חנה, קיין רחובות, וואו עס געפינט זיך דער וועלט באַרימטער ווייצמאַן־אינסטיטוט און דער קבר פון ערשטן פּרעזידענט פון דער מדינה, ד"ר חיים ווייצמאַן ז"ל. כדאי צו זען ווי יידן שטעלן מאָנומענטן נאָך זייערע פאַרשטאָרבענע גדולים. אַט איז דער קבר פונעם מאַן וואָס האָט אַ לעבן געקעמפט פאַר דעם, אַז דער מדינה־חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, און האָט זוכה געווען — פאַר אַ קורצער צייט — זיין איר פּרעזידענט. אַרום דעם קבר איז אַ פּאַרק, אַ גאָרטן. דער קבר געפינט זיך אינעם פּאַרק, אַרום איז שטיל, אפילו די ביימער וואַגן ניט זיך שטאַרקער צו שאָקלען. אויפן מאַרמאָר־שטיין, וואָס ליגט אויפן קבר איז אויסגעקריצט נאָר דער נאָמען, אָן טיטלען און אָן שבחים. אַט די פּשטות מאַכט אַ סך אַ גרעסערן איינדרוק ווי אַלע לויב געזאַנגען וואָס יידן — אַ שוואַכקייט אַזאַ — קריצן אויס אויף מצבות.

אין בני ברק, אַ שטעטל וואָס איז באַוואוינט מיט פרומע לייט, איז ערב פּסח לעבעדיק אויף די גאַסן. יידן מיט שטריימלעך, מיט לאַנגע בערד און נאָך לענגערע פאות, איילן זיך צו באַקומען די שמורה מצה. אין דער באַוואוסטער פּאָנעוועזשער ישיבה זיצן עטלעכע ישיבה בחורים און פאַרענדיקן די מסכת פסחים. אין ירקונה האָט דער בינען־ציכטלער געמאַכט דעם טאָג טעגלעכן באַזוך ביי זיינע בינשטאָקן, אַ נייע און גאָר פיינע פּרנסה אין ישראל. אין פּרדס חנה באַווייזט אַ ייד זיין עשידות: דאָס זיינען „שתילים" פלאַנצונגען. אַט דער ווילנער ייד איז היינט איינער פון די

גרעסטע צושטעלער פון אַלערליי סאָרטן ביימער. איצט איז אים געלונגען צו אַקלימאַטיזירן אַ נייעם פרוכט בוים, וואָס ביז איצט איז נאָר מעגלעך געווען צו קולטיווירן אין יאַפּאַן. איצט וועט ער פּראָדוצירן די ביימלעך אין די טויזנטער און וועט עס פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד. אין רמת־גן שטייען ייִנגלעך מיט מיידלעך ביי אַ גרויסן שייטער און מען פאַרברענט דעם חמץ.

דעם סדר ריכט מען אָפּ בציבור. נישט יעדערער פאַר זיך נאָר מיט פריינד, מיט פאַרבעטענע געסט. ס'ווערן אויך איינגעאָרדנט אַלגעמיינע סדרים פאַר די וועלכע ווילן ניט זיך פאַרנעמען מיט אייגענע סדרים. דאָס זיינען די „סדר צבורי" אַ צבור סדר וואָס גרופּירונגען אָדער שטאָט־פאַר־וואַלטונגען אָרדענען איין. פאַר די טוריסטן ווערט אויך איינגעאָרדנט אַ צווייטער סדר. די ישראלים האַלטן נאָר איין סדר. נאָר די טוריסטן טאָרן נישט פאַרגעסן אין זייערע גלות טראַדיציעס. דאָס איז אַ ווייטער אַנדייט, אַז ס'איז שווערער צו זיין אַ ייד אין גלות ווי אין מדינת־ישראל. אין די תפוצות איז פאַראַן, דאַרף זיין מער אחריות פאַר יידישן קיום. אין מדינת ישראל דאַרף מען פאַר „קיום העם" ניט זאָרגן; אין ישראל „קיומט" זיך, פון זיך אַליין: אין די תפוצות דאַרף מען זאָרגן און אַרבעטן, אַז די יידישע קאָנטינואיטעט זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

מען פאָרט צום סדר. פון שטאָט אין דאָרף, פון שטאָט אין קבוץ, צו פריינד, צו באַקאַנטע. און פון דאָרף אין שטאָט אַריין, צו קינדער, צו קרובים. די טראַנספּאָרטאַציע איז איבערגעפּולט. באַלד, פאַרנאַכט ווען דער יום טוב קומט אָן וועלן אַלע אויטאָבוסן אָפּגעשטעלט ווערן. ס'בלייבן נאָר איבער די „מונית" די טאַקסים וואָס האַלטן אָן די פאַרבינדונג צווישן די ישובים און אין די שטעט. ביי דער „תחנה המרכזית", די צענטראַל סטאַנציע פון די אויטאָבוסן אין תל־אביב, איז אַ געדרענג פון די לעצטע רייזענדע, וואָס איילן זיך אָנצוקומען אויף יום־טוב. דערביי שטייט אַ יונגערמאַן און טיילט ליפלעטן. אין ישראל איז פּאַפּיר טייער, און ס'איז כמעט ניט צום זען אַז מען זאָל טיילן בלעטלעך אין די גאַסן. גייט דער עולם נעמען די צעטעלעך וואָס דאָ צוטיילט מען. דערביי זיצט אַן אָריענ־טאַלישער ייד, אַ תימנער אָדער פון איראַק און פאַרקויפט הגדות צו צען „פּרוטות" אַ הגדה. ממש אַ מציאה. שטייט דער ייד מיט דער געקויפטער הגדה אין איין האַנט און דעם ליפלעט, אין דער צווייטער.

אין ליפלעט דערציילט זיך אַ גאַנצע מעשה וואָס איז כלומרשט פאַר־בונדן מיט פּסח. אַ מעשה פון אַ יידן פון גליל וואָס איז געקומען פּסח האַלטן אין ירושלים, מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק און די רוימער, געוויס מיטן מיין צו פאַרביטערן דעם יידישן יום־טוב, האָבן געכאַפּט דעם יידן און

אים געקרייציקט. איז לכן, דאַרפן מיר זיך איצט דערמאָנען אָן דעם גע־קרייציקטן.

פרעגט איין ישראלי, אַן עלטערער ייד אַ צווייטן, אַ יונגער מאַן מיט אַן אויסגעקריצטן נומער אויפן אָרעם. פאַרוואָס דערלאָזט מען אָט דעם מיסיאָנער צו פאַרשוועכן דעם יידישן יום־טוב, מיט זיינע בלעטלעך?

ענטפערט דער יינגערער, מיטן נומער אויפן האַנט: „זאָל ער. ס'איז אַ פריי לאַנד ביי אונדז. אָט דער מיסיאָנער, אַ רחמנות געבעך אויף אים, פּאַסט זיך אויך אַריין אין דער ערב פּסח פּאַנאָראַמע. צו די מעשה איז אמת אָדער ניט, אָבער ס'דערמאָנט אונדז ווי ביטער ס'איז געווען דער יידישער לעבן אונטער פרעמדער הערשאַפט. די נאַצים, י"ש, פלעגן פּונקט אום פּסח, ראש השנה. יום־כּפּור, אויפהענגען עטלעכע יידן. אַזוי אַרום נאָך מער פאַרביטערן דעם פאַרביטערן לעבן. מעגלעך אַז די רוימער אַמאָל האָבן דאַן אויסגעפונען די תחבולה, דעם מאָדוס, אַז אין אַ יידישן יום־טוב דאַרף מען אָנטאָן מער צרות יידן. אָט זעט: שטייט אַ מיסיאָנער און טיילט קריסטלעכע ליפלעטן, אויף העברעאיש, אין דער יידישער שטאָט תל־אביב. קיינער באַליידיקט אים נישט, קיינער רירט אים נישט אָן. זאָל אים וואויל באַקומען, אויב ער האָט פון דעם הנאה. קענט איר זיך עס פאָרשטעלן אַז אַזוינס האָט געקענט פּאַסירן פאַרקערט, אין וואַרשע, אין ווילנע, אין קראָקע? אַז אַ ייד זאָל שטיין צווישן גוים, ערב פּאַסכאַ און טיילן ליפלעטס אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז איין גרויסער טעות, און אַז די אַלע קריסטן וואָס קלייבן זיך צו גיין אין קירכע, זאָלן זיך וואָס גיכער מגייר זיין?

— 7 —

ירושלים

ירושלים. קיין נאָמען איז אַזוי ניט איינגעקריצט אינעם מוח און האַרצן פון יעדן יידן, ווי דער נאָמען ירושלים. ירושלים איז אַן אידייע אין וועלכער ס'איז כולל אַלע גייסטיקע ווערטן פון יידישן פאָלק. אויף ירושלים קען מען ניט קוקן מיט ניכטערע פּראַקטישע אויגן ווי מען קוקט סתם אויף אַ שטאָט.

ירושלים איז אויך פאַרבונדן מיט דער גאולה פון דער גאַנצער מענטש־הייט. דער גואל פון דער וועלט דאַרף זיך צוערשט באַווייזן אין ירושלים. די משיח אידייע, וואָס נישט נאָר יידן זיינען פון איר באַווירקט געוואָרן, נאָר דער גאַנצער מין אנושי, שטאַמט פון ירושלים.

איז אָט איז זי, די שטאָט ירושלים עיר הקודש. אָט אויף די ענגע געסלעך און אַריסטאָקראַטישע גאַסן, זיינען עס געגאַנגען די נביאים און די כוהנים, די מלכים און די קריגער. יעדער שפּאַן ערד פון דער שטאָט איז דורכגעווייקט מיט געשיכטע. מיט אַ סענסיטיוו אויער קען מען נאָך אויפכאַפּן די פּלאַמיקע רייד פון נביאים וועלכע האָבן דאָ, טאָקע אויף אָט דער שטיקל ערד געטראָטן. ס'דוכט אַז אָט פון אַ ווינקל וועט באַלד זיך באַווייזן ירמיה אָדער שמעון בר גיורא. אַן עמיסאַר פון שלמה המלך אָדער פון בר כוכבא: ס'וועט קיין וואונדער נישט זיין, אַז פון אָט אַ געסל וועט אַרויסשפּאַנען הלל מיט זיינע תלמידים, אָדער דער כוהן גדול מיט זיין סוויטע, צוריקקערנדיק זיך פון דער עבודה.

די חוצות ירושלים. די גאַסן פון ירושלים, ווי אַנדערש זיי זיינען פון די גאַסן פון רוים להבדיל און פון לאָנדאָן. שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון ירושלים, פילט מען, אַז מען איז ניט אַליין. אויגן פון דורות באַגלייטן דעם דורכגייער. דאָס איז אַ שפּאַציר אין דער געשיכטע וואָס האָט דורך פּיין און בלוט אויסגעטראָגן, באַגלייט געוואָרן מיטן נאָמען ירושלים. דאָ איז עס דער טבור העולם, דער נאַפּל פון דער וועלט: דאָס איז דער פּיל־

באַרסטער נערוו פון דער מענטשלעכער סטרוקטור. ירושלים איז דער שפּיגל פון דער וועלט. כל זמן ירושלים וועט לעבן אין אומרואיקייט, וועט קיין שלום אויף דער וועלט נישט זיין. ירושלים קען געהערן נאָר צו איין איינציק פאָלק, צום פאָלק וואָס איז מיט איר פאַרקנסט פון איר אויפקום ביז היינט, דאָס פאָלק ישראל.

די פיזישע ירושלים קען דעם באַזוכער נישט איمפּאָנירן מיט אירע פּאַלאַצן און מיט אירע אַרכיטעקטאָנישע קאָנסטרוקציעס. ירושלים דאַרף ניט קיין וואָלקן־קראַצערס און קיין ריזן געביידעס. איצט ווערט ירושלים מאָדערניזירט. אָבער נישט כדי צו זען די מאָדערנע געביידעס קומט מען אין ירושלים. אין ירושלים קומט מען זיך אָנעמען מיט קדושה, און די קדושה הילט איין די שטאָט ווי אַ טלית אַ יידן.

די נייע אוניווערטיטעטס געביידעס זיינען וואונדערלעך שיין. געבענטשט זאָלן זיין די מנדבים פון אומעטום וואָס בויען טעמפּלען פון און פאַר וויסן אין ירושלים, ליכטיקע גערוימע „אולאַס" (קלאַס צימערן) מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. קיין שענערע אינוועסטיציע האָבן גאָרניט געקענט אויסגעפינען אַט די זין און טעכטער פון יידישן פאָלק, וואָס לעבן אין ווייטע לענדער, ווי צו בויען די אוניווערסיטעט־שטאָט אויף די בערג פון ירושלים. ס'איז אַ מצווה צו בויען אַ הויז אין ירושלים, און נאָך אַ גרעסערע מצווה איז צו בויען אַ היים פאַרן יידישן גייסט, אין דער גייסטיקער שטאָט.

מען רופט עס די ניי־שטאָט ירושלים. כאָטש פון ניי און מאָדערן וועט עס נאָך קוים ערשט האָבן, מיט די נייע געביידעס וואָס ווערן געבויט. די ניי־שטאָט איז גאַנץ אַלט און אַרכאַאיש. די אַלט־שטאָט ליגט אויף יענער זייט גרענעץ אין דער ירדנישער מלוכה, ליגט פאַריתומט. מען דאַרף גאָרניט זיין אַזוי פילבאַר, צו הערן ממש, דאָס געוויין פון יענער זייט מאַנדעלבוים־טויער, פון דער אַלט שטאָט. ס'איז אַ בוים וואָס אַ דונער האָט אים צושפּאָלטן אויף צווייען, איין טייל בליט ווייטער און דער צווייטער ווערט פאַרדאַרט. ביידע טיילן לעכצן זיך צו פאַראייניקן, און ווידער שאַפן די איינהייט וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק צו דער גלייכגעוויכט. ניט אַזוי פון פּאָליטישן קוק ווינקל, ווי פון גייסטיקן.

אין ירושלים געפינען זיך פיל קריסטלעכע מאַנסיאָנען, מיסיאָנען, קירכן פון כלערליי קריסטלעכע סעקטעס, מאָנאַסטירן, טעמפּלען. און עס איז נאַטירלעך עס צו זען. ירושלים איז אַ וועלט שטאָט, און אַלץ וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט, איז איר, ירושלים ניט פרעמד. ס'איז אַ טייל פון איר לאַנדשאַפט. דער היכל שלמה שטייט נישט ווייט פון דער פראַנציזישער רעליגיעזער מיסיאָן. אַלץ וואָס ליגט אין דער מלוכה פון גייסט, פון רעליגיאָזיטעט, פון דענקען, פּאַסט זיך אַריין אין ירושלים. אַט נייט

אויפן ככר ציון (ציון סקווער) א הויכער געשטאַלטיקער ייד מיט א לאַנגער קאַפּאָטע, א שוואַרצער באָרד און א פּאָר געלאָקטע פּאות וואָס גרייכן אים כמעט ביזן גאַרטל. אויפן קאָפּ, א קיילעכדיקער שטריימל, א בלאַסער געזיכט מיט א פּאָר שוואַרצע פּאַרקלערטע, פאַרחלומטע אויגן, וואָס קוקן אין חלל, אָבער זעען געוויס גאָר אַנדערע פיגורן און געשטאַלטן, ווי די וועלכע גייען אים ביים זייט. אַנטקעגן אים קומט אָן א דיקער פעטער געבויטער מאָנאַך פון א קריכטלעכן אָרדן, טראָגט א מין טוניק, פּאַר א בגד. אַרומגעגאַרטלט מיט א ברוינע שטריק, מיט א שווערן אייזערנעם צלם אויפן האַרצן. דאָס פּאַרב פון די אויגן איז ניט צום זען, ווייל ער האַלט די אויפן אַרונטערגעלאָזן צו דער ערד. די ביידע טרעפן זיך אָן, אָבער אין דער לעצטער רגע, מיידן זיי אויס א צוזאַמענשטויס. דער מאָנאַך האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון א טראַנס, און קוקט נאָך דעם באַשטריימלטן יידן. א ווייל דוכט זיך אויס אַז ער, דער מאָנאַך, האָט דעם יידן דערקענט, אַז אָט וועט ער אים נאָכיאָגן, אָפּהאַלטן, ריידן צו אים, אָדער תפילה טאָן. זיינע ליפּן מורמלען עפּעס, אָבער ער גלייכט זיך אויס און גייט ווייטער זיין וועג. דאָס זיינען צוויי פאָרשטייער פון צוויי באַזונדערע וועלטן, און גייען בשלום, יעדערער זיין וועג.

מאה שערים, דער קוואַרטאַל פון די עקסטרעם פרומע איז א שטאָט פאַר זיך, געפינט זיך אין ירושלים און לעבט זיך באַזונדער. זעלטן צו הערן העברעאיש אין מאה שערים, דאָ קעניגט דער לשון יידיש מיט זיין אונגאַריש־גאַליציאַנישן חן. דער געגנט איז אָרעם, אָפּגעלאָזן, און נישט איבעריקס ריין. דאָ איז מלכות חסידיש. יעדער דערוואַקסענער טראָגט א שטריימל, יעדעס קינד א יאַרמולקע, אַלע טראָגן לאַנגע געלאָקטע פּאות, דאָס לעבן שפּרודלט אין די הויפן, די אַמאָליקע כוללים־הייזער וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. די פרויען גייען אָנגעטאָן אין לאַנגע קליידער און מיט פרעמדע האָר (שייטלען) אוודאי זיינען מיר ניט מסכים מיט זייערע באַגריפן וועגן יידישקייט און מדינת ישראל. אָבער אונדזער גאַנצע אכטונג און רעספּעקט פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַנטזאָגט פון א סך באַקוועמלעכקייטן וואָס דער יידישער שטאַט באַט זיי אָן, כדי צו לעבן זייער אייגענעם לעבן, גיין זייער אייגענעם דרך. זיי זיינען ניט מסכים מיט דער מלוכה, ווייל זיי ווילן שטיין העכער ווי דאָס פּראָזאַאישע מלוכה לעבן. מיר גלויבן אַז זיי לעבן אין א טעות, ווייל אין אַזאַ וועלט ווי די היינטיקע, קען מען ניט אויסקומען מיט הוילע רוחניות. זיי, די מאה־שערימניקעס נעגירן דאָס גשמיות און אַנטזאָגן זיך פון אים. זיי ווילן ניט זען די ווירקלעכקייט, ווייל זייערע אויגן קוקן אָנגעשטרענגט אין דער ווייטן. זיי ווילן ניט זיך אויפכאַפּן פון די חלומות, און זען דאָס טרויעריקע, וואָכעדיקע וואָר. זיי וואָלטן גערן געביטן די גאַנצע מלוכה

פארן כותל המערבי, ווייל מלוכה, מדינה, איז חיי שעה און דער כותל המערבי סימבאליזירט די אייביקייט, די שכינה, דאָס גייסטיקייט פונעם יידישן זיין אויף דער וועלט. פאר לאנגע שעהן האָבן זיי געטאנצט, טיף אין דער נאכט שביעי של פסח, אקאמפאנירנדיק זייער ריטמישן טאנץ מיטן געזאנג פון „את רודפיהם, ואת שונאיהם בתהומות טבע" (זייערע נאָכיאָגער — די עגיפטער וועלכע האָבן נאָכגעיאָגט די עברים, ארויסגייענדיק פון מצרים — און זייערע פיינט האָט ער, גאָט, דערטרונקען אין אָפּגרונט פון ים).

זייער פילאָזאָפיע איז קלאָר און אָפן. צו וואָס דארף מען א מלוכה מיט סאָלדאטן, מיט פאָליציי, מיניסטאָרן, אמבאסאדאָרן, די קופת חולים (קראנקען קאסע) און די ספּאָרט־פּארמעסטונגען, אז ווען גאָט וויל, דער־טרינקט ער די שונאים פון יידישן פאָלק אין ים, טראָץ זייער מאכט, וואָפן, רייטוועגענער און ארמייען פון די שונאים? און באמת; צו וואָס איז זיי נויטיק א שטאָט, פאָליציי און וואָפן? ביי זיי גנבעט מען נישט, זייערע מחלוקת איז וועגן א דין אין שולחן ערוך. אָט איז א שאלה: מעג מען קויפן פּיסטאָשקעס, ערד ניסלעך („קאקאהועטעס" אין שפּאניש) חול המועד כדי זיי צו עסן שבת, נאָך פסח (דער אכטער טאָג פסח, איז היי־יאָר אויס־געפאלן שבת. אין ישראל האָט מען שוין געמעגט עסן חמץ ווייל דאָרטן איז נאָר זיבן טעג פסח) איין גרופּע האָט געהאלטן אז די ניסלעך באלאנגען צום מין קטניות (ארבעס, לינזן, א. א. וואָס פרומען יידן עסן ניט אום פסח) דער צד שכנגד האָט געטענעט אז די ניסלעך וואקסן דאָך אין דער ערד, און באלאנגען צו דער פאמיליע פון קארטאָפל, מערן, ציבעלע וכדומה. און לכן מעג מען זיי אפילו עסן אום פסח. אפשיטא שוין צו קויפן אום חול המועד און עסן נאָך פסח.

דאָס קומט פאר הארט ביים גרענעץ. א דרייסיק טריט ווייטער, וואו ס'ענדיקן זיך די הייזער באוואוינט מיט אָריענטאַלישע יידן, איז שוין אלט ירושלים, וואו דער מלך הוסיין הערשט. אָבער אָט די יידן פון מאה שערים, צוזאמען מיט די חסידים פונעם גערער, סטאָלינער, ספּינקער, באָבאָווער און אנדערע רביים, גייט עס נישט אָן. ווער האָט עס געמאכט די גרענעצן? מענטשן! האָבן דען א האפט די גרענעצן וואָס מענטשן באשטימען?

ניין, זייער לעבנס פילאָזאָפיע איז שווער אָנצונעמען, אָבער יידן מעגן זיין שטאָלץ מיט דער טאָלעראנץ וואָס די מלוכה ווייזט ארויס צו זיי. דאָס איז א גרופּע — לאָמיר זיך דערלויבן אזוי צו באצייכענען — רעליגיעזע אנארכיסטן. זיי אָנערקענען נאָר איינאיינציקע הערשאפט. די הערשאפט פון גאָט. דעם געזעץ פון דער תורה, לויט זייער אויסטייטשונג. זייער וועג ווייזער איז דער רבי. די מערסטע פון זיי, לעבן אין ארעמקייט, זיינען זיך מפרנס פון דעם וואָס זיי אליין אָדער זייערע פרויען פארדינען מיט

שווערער מי. אוודאי זיינען זיי קעמפעריש פאַר זייער גלויבן און זייער דרך. זיי פּרובירן אפילו צו פירן אַ גרויל פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מדינה, פאַר די טוריסטן וואָס קומען זיי באַזוכן. וועגן דעם פּרעמיער מיניסטער פון ישראל ריידן זיי מיט שוים אויף די ליפּן. אפילו דער נשיא פון דער מדינה, וואָס גייט דאַווענען שבת און יום־טוב אין שול און האָט אַ באַשטענדיקן פּלאַץ, ניט אין דער ליבטיקער מאָדערנער „ישורון" שול, און אויך ניט אין דער שול אינעם „היכל שלמה" פּאַלאַץ, נאָר ערגעץ אין אַ זייטיקן בית מדרש, וואָס צייכנט זיך ניט אויס מיט זיין פּראַכט און גלאַנץ. דער נשיא גייט דאַווענען אין אַ גאַנץ באַשיידענעם בית מדרש, וואו ס'דאַווענען יידן פון אַ „גאַנץ יאָר" אָט דער פּרעזידענט פון ישראל וואָס זיין גרעסטער ספּאָרט איז, ניט שפּילן גאָלף אָדער גיין אויף געיעג, נייערט צו לערנען אַ בלאַט גמרא אין אַ גרופּע פון לומדים, הנאה האָבן פון אַ געלונגענעם תורה ווערטל. אויך דער יידישער נשיא, ווערט ניט געשוינט פון די מאה שערים לייט.

פרעגט אַן אַמעריקאַנער טוריסט, ביי אַ ירושלמי: וואָס דערלאָזט איר אַז די ווילדע זאָלן אַזוי חוצפהדיק זיך אויפפירן אין ירושלים?

ענטפערט דער ירושלמי: צווישן אָט די „ווילדע" מעגט איר גיין אין מיטן נאַכט און קיינער וועט אייך חלילה ניט באַפאַלן. אָט די „ווילדע" לעבן אין טעות אָבער זיי זיינען העכסט אָרנטלעך און מאָראַליש. דאָ איז ירושלים, וואו ס'האָט געלעבט דער מלך מנשה וואָס האָט אָפּגעטאָן אַלע אומווירדיקייטן און ר' צדוק וואָס האָט געפאַסט פערציק יאָר אַז ירושלים זאָל ניט חרוב ווערן. אָט די „ווילדע" זיינען די געטרייסטע זין פון ירושלים. זיי וועלן ניט עמיגרירן און וועלן ניט אַנטלויפן. איך וויל ליבערשט וואוינען אין שכנות מיט אָט די „ווילדע" איידער מיט די העכסטע ציוויליזירטע לייט פון אייערע לענדער. איידער צו לעבן מיט די „ציוויליזירטע" דייטשן, וויל איך בעסער לעבן בשכנות מיט די „ווילדע" לייט פון מאה שערים.

— 8 —

הר ציון

אמאָל, אמאָל, ווען אַ ייד האָט עולה לרגל געווען קיין ירושלים, איז זיין ערשטער באַזוך געווען, צום הר הבית, וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען, די כוהנים האָבן געטאָן די עבודה, די לויים האָבן געזונגען, חכמים און חשובע לייט האָבן שפּאַצירט און זיך מתוכח געווען אין לערנען. די פּרושים האָבן געהאַלטן דרשות און געלערנט דאָס איינפאַכע פאָלק פון גליל, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן די קדושה פון יידישקייט אין די ווייטע אָפּגע־לעגענע דערפער. קנאים האָבן זיך געשושקעט מכוח אַן אויפשטאַנד, דער הר הבית איז געווען דער צענטער פון יידישן פאָלק.

קיין הר הבית איז היינט ניטאָ. דאָס רעשטל וואָס איז פון דער אמאָלי־קער פּראַכט געבליבן ליגט אין גלות. קיין גאולה שלימה איז נאָך דערוויילע ניטאָ. אַ טייל פון יידישן פאָלק איז צוריקגעקומען אין זיין לאַנד, אָבער אַ טייל פון יידישן לאַנד איז אַוועק אין גלות.

דאָס הייליקסטע שטיקל ערד, אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, איז היינט דער הר ציון. דער גרעסטער יידישער געלערנטער, — נאָך משה רבינו — ר׳ עקיבא, האָט געזען ווי אויף די חורבות אויפן הר הבית לויפן אַרום פוקסן, האָט ער געלאַכט. היינט ווען ר׳ עקיבא וואָלט ווידער געזען די פוקסן, די היינטיקן פוקסן וואָס לויפן אויפן הר הבית, וואָלט ער גע־וויינט, פּונקט ווי דאַן האָט זיין חבר געוויינט, צוזעענדיק ווי פוקסן באַהערשן דעם קודש קדשים פון יידישן פאָלק.

דער הר ציון שטייט ביים גרענעץ. ס׳איז אַן אַלט אַלטע געביידע, מיט ענגע טרעפּ אַרויפצוגיין אין די טורעמס. פון די טעראַסעס און פון די טורעמס זעט מען דעם צווייטן טייל פון ירושלים. דעם כותל המערבי זעט מען נישט, ער איז פאַרשטעלט מיט אַנדערע געביידעס, מען זעט אָבער דעם אָמאַר מאַשעע, דעם מוסולמענישן טעמפּל, וואָס שטייט פּונקט אויפן פּלאַץ וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען.

אויפן הר ציון געפינען זיך היילן אויסגעהאַקט אין שטיין. אין איין הייל, אַפּגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטן, ברענען ליכט און, לויט דער טראַדיציע געפינט זיך דאָרטן דער קבר פון דוד מלך ישראל. יידן פון דער גאַנצער וועלט קומען אָפּגעבן כבוד דעם גרויסן יידישן מלך, דעם נעים זמירות ישראל, מען זאָגט תהילים און מען מאַכט מי שברכם.

צי אין אָט דער הייל אין פעלדז, געפינט זיך טאַקע דער קבר פון דוד המלך איז נישט געלונגען עד היום פעסטצושטעלן. אָבער דער הר ציון איז היינט דער קודש קדשים פאַר דער יידישער אומה נאָר צוליב אַנדערע טעמים.

איינע פון די היילן, אַ גרויסע געקרומטע הייל, ווערט אָנגערופן „מרתף השואה". דער קעלער פון אומקום. דורך אַ נאַטירלעכער עפענונג אין דער הייל קומט מען אריין אינעם „מרתף השואה".

דער ייד וואָס האָט באַזוכט דער „מרתף השואה", די הייל פון אומגליק, ווען ער זאָל אפילו לעבן טויזנט יאָר, וועט ער שוין דעם שוידערלעכן בילד קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין די אָדערן. די פיס ברעכן זיך און קענען ווייטער ניט טראָגן דעם גוף. ס'ווערט פינסטער פאַר די אויגן וואָס ווערן פאַרלאָפן מיט בלוט און מיט טרערן. דער באַזוכער בלייבט שטיין ווי געליימט. דאָ אין „מרתף השואה" איז דער בית הקברות פון גאַנצן אייראָפּעאישן יידנטום. דאָ שטייען מצבות אויף די חרובע קהילות. נאָר מיט איבערנאַטירלעכער אָנשטרענגונג קען דער באַזוכער דאָך בלייבן שטיין אויף די פיס און ניט אראָפּגיין פון זינען, פון צער און ווייטאָג.

באַלד ווי מען גייט אריין אין הייל וואָס איז איננאַנצן באַדעקט מיט מצבות-טאָוולען, לינקס אין דער הויך, אַ טאָוול פון געלבלעכן פאַרב, די פאַרב, קאָליר פון דער געלער לאַטע, לייענט זיך: „אין הייליקן זכר פון די אומגעקומענע קהילות הקדושות וואָס זיינען אומגעקומען על קדוש השם. ראַטניצע, דרוסקעניק, פאַרעטש און מאַרטשיקאַנץ. האַר פון אַלע וועלטן, נעם נקמה פאַר זייער אומשולדיקן פאַרגאָסן בלוט". אונטערגעשריבן: דער ארגון פון די שארית הפליטה פון די פיר אומגעקומענע קהילות.

און דער באַזוכער פאַרמאַכט זיינע אויגן, ער דערמאָנט אין דמיון די פיר הייליקע יידישע קהילות, איז ער דאָך אַליין אַ זון פון איינע פון די חרובע קהילות. און מיט די לעצטע טראָפּנס בלוט וואָס פליסן אינעם האַרצן, מיט אַ שטילן געמורמל פון זיינע ליפּן, זאָגט ער: פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג פון מיין געבוירן. פאַרוואָס בין איך ניט אויסגערונען אין מיין מוטערס טראַכט, איידער איך האָב דערלעבט צו זען דעם אומקום פון מיין שטאָם? ווען האָבן זיי שלעכטס געטאָן און וואָס איז געווען

זייער פארברעכן? און מורמלט ווייטער די פסוקים פון איוב ביז ער רופט אוים: גאט! איז טאקע דיין משפט גערעכט?

דער ייד איז געקומען פון מרחקים, פון א וויטן זוניקן לאנד, כדי מיט זיינע אויגן זען דעם נס פונעם אויפקום פון מדינת ישראל, דערפרייען זיין פארבענקטע הארץ, מיטן אנקוקן די פאראקערטע פעלדער מיט ווייץ און קארטאפל, די ספעציעלע איינריכטונגען אויף די פעלדער וואו ס׳וואקסן די וויינטרויבן, אז די הענגלעך מיט די שווערע טרויבן זאלן ניט אראפ־רייסן די צווייגן, זען ווי יידן בויען אויף צוריק דאס חרובע לאנד, זיך אנעמען מיט אביסל פרייד, פארן צער און פאר לעבן אין שרעק במשך פון יארן. און וואס האט ער איצט געפונען? מצבות, מצבות. קיין איין שטאט פעלט דא נישט, אט איז די מצבה אויף ווילנע, און דא שטייט די מצבה אויף קראקע, טשענסטאכאוו און אומאן, בריסק און לעטישעוו, מע־רעטש און מלאווע. דער חורבן האט קיין איין שטאט, שטעטל ניט אויסגע־מיטן, ווען ס׳טרעפט א נאטור קאטאסטראפע, קען מען דאך געפינען איין הויז א גאנצע, וואס איז נישט באריהרט געווארן פונעם שטורעם. דא איז קיין איין קהילה נישט געשוינט געווארן.

נעמען פון שטעט, שטעטלעך, קהילות פון ליטע און פוילן, פון רייסן און אוקראינע, פון אונגארן און יון. אונטער די נעמען געפינען זיך מי־ליאנען מענטשן, זקנים און קינדער, טאטעס און מאמעס, רבנים און וואַ־סער טרעגער. דארטן, מיט עטלעכע שפאן ווייטער איז דער קבר פון דוד המלך. זיבעציק יאר האט ער געלעבט, געקעמפט, געזונגען מזמורים, גע־קעניגט און איז געשטארבן פון אלטקייט, אנגעזעטיקט מיט תענוגים, און דא שטייען מצבות אויף שטעט וואס זייערע קינדער זיינען פארברענט גע־ווארן אין גאז־קאמערן. קינדער ממש, זויג קינדער און שול קינדער. משהלעך און שרהלעך וואס האבן זייער לעבן נישט אויסגעלעבט, האבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמהלעך אויף די גאסן פון ווארשע און לאדזש, אין גאז אויוונס און לעבעדיק באגראבענע. זעקס מיליאן נשמות פילן אן די הייל. אויף יעדער מצבה נעסטן טויזנטער נשמות, טוליען זיך צו זייער מצבה, צום זכר פון זייער פארוויסטער קהילה.

און ס׳קלינגט אפ דער עכא פון „מלא"־מאכער. „המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה", באוויליק א גאט, אן אומגעשטערטע רו — נאך אזוי פיל ליידן און פיין — אויף די פליגלען פון דער שכינה. און אין מות ווירבלט, איז עס ניט צו פיל, צו שווער אפילו פאר די פליגלען פון דער שכינה? זעקס מיליאן אויסגעשאכטענע, אויסגעקוילעטע, פארברענטע און צושאסטע־נע יידישע נשמות.

— ווען זיי אלע געפינען א פלאץ אויף די פליגלען פון דער שכינה? — דער סימבאלישער איינהיל פון דעם רבונו של עולמס הייליקייט. — ווען

זיי טאַקע קענען געפינען מנוחה און זייערע נשמות וועלן ניט אויסשרייען מיט ווי געשרייען, אָן קלאַנגען, זייער פּראָטעסט, זייער אייביקע אומפאַר־ענטפערטע פראגע, פאַרוואָס?

אומהיימלעך איז צו שפּאַנען צווישן קברים. קברים וואָס דערמאָנען אַז די וועלכע ליגן אונטער ערד און שטיין און האָבן אַמאָל געלעבט, גע־לערנט, געאַרבעט, געפאָרשט, געליבט, און זיך מצער געווען, זיך געפרייט און געוויינט און היינט ליגן זיי שטיל, גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען. אָבער די מענטשלעכע שפּראַך איז אָרעם אין אויסדרוק פאַר געפילן ווען מען גייט אַרום מיט וואַקלדיקע טריט צווישן מצבות, וועלכע שטעלן פאַר אַ גאַנץ פאָלק, וואָס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן. אַ פאָלק וואָס איז געווען איבערנאַטירלעך מעכטיק אין איבערטראָגן צרות און פּיין. זיך געבויגן ביז צו דער ערד, ווי ס'טוען עס בלומען און ביימער אין שטורעם, און נישט איינגעבראָכן געוואָרן, מוטיק געקעמפט מיט אַלע שטורעם ווינטן. און ס'איז געקומען דער צורר און זיי אויסגעשאָכטן, אויסגעמאָרדעט זיי, זייערע פּיצלעך קינדער, זייערע מאַמעס און זיידעס. חרוב געמאַכט זייערע שולן וואו זיי האָבן אַזוי פרום געדאַוונט, צורויבט און אויסגעפלינדערט זייער האָב און גוטס, זייערע הייליקייטן. אָט שטייט אַ פּאָר שטיוול, אונטער אַ גלאָז, אויסגעאַרבעט פון הייליקע פּאַרמעטן פון אַ ספר תורה. דאָ זיינען אויסגעשטעלט אויסגעאַרבעטע בייטלען, אַבאַזשורן, טייסטערס און שטעק שיך פון די מגילות. פון די ראָלן פון די הייליקע ספרים, מען קען נאָך לייכט לייענען די שריפט, וואָס אַ יידישער אָפּגעהיטער סופר האָט זיי גע־שריבן, אָט לייענט זיך עס די שריפט: „כי עם קדוש"... „ווייל דו ביסט אַ הייליק פאָלק צו גאָט דיין גאָט. דיר האָט גאָט דיין גאָט אויסדערוויילט, צו זיין צו אים אַן עם סגולה, פון אַלע אַנדערע פעלקער וואָס געפינען זיך אויפן אויבערפלאַך פון דער ערד".

ניטאָ מער קיין טרערן אין די אויגן, ניטאָ מער קיין כוח, קיין ווילן ווייטער צו לעבן. דער בן אדם דרייט זיך אַרום אין די היילן, איז איין הייל אַריין און נאָך אין אַ הייל. ס'איז שוין ניטאָ קיין פּלאַץ אויף די ווענט פון די היילן פאַר די מצבות, שטייען זיי אויף דער ערד. אונטער יעדער מצבה ליגט אַן אויסגעהרגעטע שטאָט מיט יידן.

די זון וועט אויפגיין און וועט פאַרגיין, מענטשן וועלן לויפן, גיין, האַנד־לען פירן פּאָליטיק. דאָ וועט אייביק זיין טונקל און שטיל. די אויסגעשאָכ־טענע עדהס יידן וועלן מער ניט אויפשטיין. זייערע מצבות שטייען דאָ און זייערע גייסטער געפינען זיך אין די הימלען.

אָבער קענען אפילו הימלען אויסהאַלטן אַזאַ דרוק? וועט נישט אַמאָל זייער צער און צאָרן, אויפברעכן די הימלען און פאַרגיסן די ערד מיט זייער בלוט, מיט זייערע טרערן, ניט פאַרטויבן דער וועלט מיט זייער געוויין?

ווייל זעקס מיליאָן אויסגעהרגעטע נפשות וועלן נים רוען ביז וואַנען די וועלט וועט באַצאָלן פאַר זייער אומשולדיקן טויט, און דאַן, ה׳ ירחם.

און ס׳דערנענטערט זיך אַ ייד, אַ הויכער מיט אַ ווייסער באָרד, מיט אַ בלאַסן בלוטלאָזן פּנים און זאָגט: ר׳ ייד, מיר וועלן שרייבן אַ ספר תורה, זייט מנדב אַ וואָרט אין דער ספר תורה אינעם זכר פון אייערן אַ קרוב.

דער ייד זעט אויך אויס צו זיין, אַ ניט געוויינלעכער פּאַרשוין. אפשר איז ער נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון אונטער אַ מצבה, און דער צווייטער ייד, דער באַזוכער ענטפערט:

„נאָט אייך מיין ביישטייערונג פאַר דער ספר תורה, טאָקע אַ גלייבע זאַך טוט איר. אָבער מיין טייערער ליבער ייד, וויפל אותיות איז דאָ אין אַ ספר תורה? וואו וועט איר נעמען זעקס מיליאָן אותיות, אַז פאַר יעדן קרבן זאָל זיין אַן אות? נישט איין ספר תורה, נאָר אַ צענטליק ספר תורות דאַרפט איר שרייבן כדי יעדער אומגעקומענער ייד זאָל פאַרמאָגן אַן אות אויף זיין נאָמען. אַן אות פאַר אַ מענטשלעך לעבן. אַ נייע ספר תורה פאַר יעדע געשענדעטע ספר תורה, וועמענס פאַרמעטן זיינען דאָ אויסגעשטעלט, אַ ספר פאַר יעדער קהילה וואָס איז חרוב געוואָרן און וועמענס מצבה שטייט דאָ, אין „מרתף השואה״, דער הייגטיקער קדשי קדשים פון יידישן פאָלק. שרייבט ר׳ ייד ספר תורות, שרייבט אַ סך, כדי ס׳זאָל קלעקן פאַר אַלע חרובע קהילות. זאָל קיין איינע ניט פאַרשעמט ווערן. שרייבט ספר תורות, ווייל וואָס קענען מיר יידן עפּעס אַנדערש טאָן? זאָלן מיר אפשר זיך לאָזן אויסהרגענען זעקס מיליאָן דייטשן? אַז פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די רוצחים אויף אַלע ציימן ביז אייביק.

אמן כן יהי רצון, ענטפערט דער ייד מיט דער ווייסער באָרד און פאַרשווינדט ערגעץ אינעם טונקל פון „מרתף השואה״.

— 9 —

הר הרצל

אויב דער הר ציון סימבאָליזירט היינט דעם קדשי קדשים פאַרן יידישן פאָלק, איז דער הר הרצל אין דער בחינה פונעם מזבח.

דער הר הרצל אויף וועלכן מען גייט ארויף אויף טרעפּ, איז דער העכסטער פונקט אין ירושלים. דער העכסטער פונקט, פיגוראַטיוו, אויב ניט געאָגראַפיש.

אַ ברייטע עקספּלאַנאַדע ארום, אין מיטן ליגט אַ שוואַרצער מאַרמאָר אויף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן נאָר איין נאָמען: „הרצל״. אונטערן שוואַרצן מאַרמאָר ליגן די ביינער פון דעם גרויסן וויזיאָנער, דער וואָס האָט אַלע נצוצות צוזאַמען גענומען, די שטרעבונגען פון דורות פאַראייניקט, און געלייגט דעם ערשטן ווינקל־שטיין פאַר דער יידישער מדינה.

פאַראַן אַ פלוגתא צווישן פאָרשער, סאָציאָלאָגן און וויסנשאַפטלער צו די עפּאָכע ברענגט ארויס די פערזענלעכקייט אָדער די פערזענלעכקייט איז דער מייסטער פון דער עפּאָכע. אין דעם פאַל: האָט דער דור וועלכער איז מחמת כמה טעמים געווען צוגעגרייט צו אָנהויבן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע, און הערצל האָט אָנגעהויבן די ארבעט, ווען אַלע מאַטעריאַלן זיינען געווען צוגעגרייט? אָדער הערצל האָט גענומען דעם גורל אין זיינע הענט און ער האָט געשאַפן די נייע עפּאָכע, וועלכע האָט קולמינירט מיט דעם אויפקום פון דער מדינה?...

גראָד אין דעם פאַל איז לאָגישער אָנצונעמען די צווייטע טעאָריע. חיבת ציון און שיבת ציון אין אַלע מעגלעכע פאָרמען האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד אויף מאָרגן נאָכן חורבן ירושלים. מיט לערך ניין הונדערט יאָר צוריק איז דער רמבן געקומען זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. אויך די תלמידים פונעם „גרא״ (גאון ר׳ אליהו פון ווילנע) און די חסידים האָבן עולה געווען כדי מער ניט דערמאָנען נאָר עטלעכע געשיכטלעכע פאַקטן. נאָר ס׳האָט

געפעלט די פערזענלעכקייט וועלכע זאָל סומירן אַלע ווילנס און האָפענונגען. זיך ניט אַפשרעקן פאַר קיין שוועריקייט, און זיך אַנטשיידן פאַרנעמען אויפן וועג פון שיבת ציון און שיבת מלכות ישראל. הערצל האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שאַפן אַן אימיגראַציע צענטער אין ארץ ישראל, נאָר פון ערשטן טאָג אָן, האָט ער געדענקט אין מאַקסימאַלע טערמינען. שוין ביים ערשטן קאָנ־גרעס האָט ער פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך אַז ער האָט געלייגט דעם פונ־דאַמענט פאַר דער יידישער מלוכה.

איצט שטייענדיק ביי זיין קבר, אויפן הר הרצל, פון וועלכע ס'זעט זיך אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע. די בערג פון יהודה, די שטאָט ירושלים, פאַרשידענע קבוצים, און דער הר הצופים וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט גרענעץ. לייגט דער באַזוכער ארויף זיין האַנט אויפן שוואַרצן מאַרמאָר און זאָגט די ווערטער: געבענטשט זאָל זיין דיין זכרון, דיין גערעכעניש, טרוימער פון יידישן ווידערגעבורט. דו ליגסט דאָ רואיק. שטיל איז דאָ אויפן באַרג. אָבער דאָרטן אין די טאָלן און די פליינער, אין גליל און אין עמק, דאָרטן איז גאָרנישט שטיל, דאָרטן הערט זיך דאָס קלאַפּן מיט די האַמערס, דער גערויש פון די טראַקטאָרס, דער געזאַנג פון אַרבעט. דאָס אַלץ איז אַ דאַנק דעם חלום וואָס דו האָסט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן. און די ישראלים, די היינטיקע פרייע בירגער פון דער „אַלטניילאַנד" געדענקען דיר. אין יעדער שטאָט און שטעטל, מושב און קבוץ האָבן זיי די הויפּט גאַס אַ נאָמען געגעבן „רחוב הרצל". דו לעבסט ווידער אין דיין פאָלק, פאַר וועמען דו האָסט אָפּגעגעבן דיין לעבן. און דאָס פאָלק וויל דיר האָבן אויף די נייע ליכטיקע גאַסן, כדי זיך אינספּירירן אין דיין זכרון און אויפ־שטעלן, אויפבויען, די אַלטע היים פאַר אַלע אירע קינדער.

פונעם באַרג איז דאָ אַן אַראָפּגאַנג צו פוסן פון באַרג. דאָ ליגט אויס־געשפּרייט דער „בית הקברות הצבאי", דער מיליטערישער בית עולם. דאָס זיינען טעראַסן, וועלכע הויבן זיך פון פלאַכלאַנד און שטייגן ביזן באַרג. דאָ ליגן פאַרזונקען אין זייער אייביקן שלאָף די קינדער פון ישראל, וועלכע האָבן אוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס אינעם באַפרייאונג קריג און שפּע־טער אין אַנדערע מיליטערישע אַקציעס קעגן די שונאים פון זייער לאַנד.

און וויי: ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז די קברים זיינען אין די טוי־זנטער! אין תפוצות ישראל וויים מען דאָך גאָרניט, מען אַנט ניט, וויפל קרבנות זיינען געפאַלן, כדי צו אויפשטעלן די מדינה. דאָרטן אין די תפוצות דענקט מען אַז יע, ס'זיינען געפאַלן קרבנות. אָבער אפשר עטלעכע הונ־דערט. און דאָ געפינען זיך טעראַסן אויף טעראַסן מיט מצבות נאָענט איינע צו דער צווייטער. די מצבות ליגן אויף די קברים, וועלכע ווערן אָפּגעהיט און אויפגעפּאַסט פון דער רעגירונג. און וויי! אַזוי פיל מצבות!

און דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ בילד וואָס איז נאָך אויך ווינציק

באוווכט, און ס'איז כדאי אז יידן אין דער וועלט זאָלן וויסן. די שטיינער דערציילן וועגן דעם געוואַלדיקן אימפּאַקט אין אַלע לענדער וואו יידן געפינען זיך, ווען ס'איז באוואוסט געוואָרן, אַז די אראַבער זיינען אָנגעפאַלן אויף ארץ ישראל. פון אַלע עקן וועלט זיינען זיך צונויפגעקומען אין גע־איל, די יידישע יוגנט כדי מיט זייערע קערפּערס, מיט זייערע יונגע לעבנס, אָפּהאַלטן דעם אראַבישן דעסטרוקטיוון מאַרש אויף די יידישע ישובים.

די אויסגעהאַקטע, אויסגעקריצטע נעמען און ווערטער אויף די מצבות דערציילן פון אַ גרויסן עפּאָס, פון אַ וואונדערלעכער מסירת נפש, פון זעל־טענעם מוט און די העכסטע מדרגה פון העלדישקייט. אין איינפאַכן אומ־געפּאַלירטן שטיין איז פאַרצייכנט: נחום בן מאיר, 18 יאָר אַלט פון תל־אביב; שמעון בן אברהם, 19 יאָר אַלט פון פּוילן; יעקב בן ניסן, 17 יאָר אַלט פון יוגאָסלאַוויע. און אַזוי לייענען זיך אַלע מצבות: 16 יאָריקע, 15 יאָריקע, 19 יאָריקע, 18 יאָריקע. זעלטענע פון 25 אָדער מער יאָרן, פון פּוילן, ליטע, אוקראַינע, איראַק, מצרים, ארגענטינע, פ. שטאַטן, דייטשלאַנד, פראַנק־רייך. קיין איין לאַנד, דוכט זיך פעלט דאָ נישט. אַלע ישובים פון אַלע לענדער האָבן דאָ אַ חלק. געווים געפינען זיך ירושלימער און פון תל־אביב, פון רמת־גן און פון טבריה, פון עין חרוד און פון פּתח תקוה. אָבער די מערהייט געפאַלענע העלדן זיינען ילידי חוץ לארץ, געבוירענע אויסער ארץ ישראל. דאָ ליגן יונגע צאַרטע קינדער פון רייכע היימען אין פראַנק־רייך און קבוצניקעס פון גליל, אידעאַליסטישע יונגעלייט פון אורוגוויי און האַרעפּאַשניקעס וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן און דאָ אָפּגעגעבן זייער געפּייניקט לעבן אויפן מזבח פונעם „מולדת" (פאַטערלאַנד), „קאַ־צעטניקעס" פון פּוילן און געוועזענע פּאַרטיזאַנער פון ליטע.

דאָס בלוט אין הארצן שלאָגט האַסטיקער. דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאַר וויינען און קלאָגן. דאָ ווערט דער באַזוכער איינגעהילט אין אַ געפיל פון גרויס יראת הכבוד. דאָס האַרץ בלוטיקט אויף אַזוי פיל, צו פיל, יונגע לעבנס וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן, אָבער גלייכצייטיק פילט זיך דער באַזוכער, שטאָלץ, דערהויבן, דערמוטיקט. אַ לאַנד ווערט דער קנין פון אַ פאָלק, דורך בלוט, אַזוי איז עס געווען זינט טויזנטער יאָרן און אַזוי איז עס היינט. צום גרויסן באַדויערן, אָבער אַזוי איז די מענטשלעכע געשיכטע.

און ס'דערמאָנט זיך די אָנקלאַגעס און באַשולדיקונגען: „יידן פּחדנים"... פון אַלע זייטן האָבן זיך געשאָטן די פאַרשאָלטענע בלבולים. „יידן זיינען שרעקעוודיקע". ניט נאָר פרעמדע נאָר אפילו אייגענע האָבן פאַרגעוואָרפן. ח. נ. ביאַליק אין דער „שחיטה שטאָט" און דער ריכטער וואָס זיצט ביים פּראָצעס פון דעם גרעסטן אשמדאי פון אַלע צייטן, אייכמאַן י"ש, פרעגט דעם עדות מיטן אויסגעקריצטן נומער אויפן האַנט. „וויפל זייט איר געווען?

— כ'גלויב אז פופצן טויזנט. — און וויפל זיינען געווען די נאַצים מיט זייערע ארויסהעלפער? — אפשר פופציק. איז פאַר וואָס האָט איר זיך ניט קעגנגעשטעלט?" באמת א לאָגישע פראַגע. אָבער ס'איז גאָר שווער פאַרן עדות צו געבן פאַרשטיין, אז די פופציק זיינען געווען באוואָפנט מיט מאַשין געווער, מיט רעוואָלווערן, מיט האנט גראַנאַטן, אויף די טורעמס זיינען געווען אויסגעשטעלט וועכטער מיט געצילטע מאַשין געווער, מיט טויזנטער קוילן אין די לענטעס, גרייט צום שיסן.

די פופציק מערדער זיינען געווען זאַטע, צופרידענע, וואַרעם אָנגעטאָענע, זיכערע און מיט מערדערישע אינסטינקן. קעגן זיי איז געשטאַנען א מאַסע פון פופצן טויזנט הונגעריקע, אָפּגעריסענע, דערשלאָגענע, צובראָכענע פיזיש און גייסטיק, מיט לײדיקע, ציטערנדיקע פון שוואַכקייט־הענט. דעגראַדירטע ביז צום לעצטן גראַד, פון הונגער געשוואָלענע און פול מיט אחריות פאַרן לעבן פון די אַנדערע. איז עס דען געווען פחד? שרעק? אָדער פולשטענדיק צוזאַמענגעבראָכענע וואָס האָבן אפילו נישט געקענט צונויפנעמען זייערע געדאַנקען, כדי צו טראַכטן, עפּעס אונטערנעמען.

אָבער ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון קאַמף, מיט ווינציק געווער, אָבער דאָך געווער. צוזאַמען מיט חברים וועלכע זיינען אויך גרייט צו גיין אין פייער צו קעמפן ניט נאָר פאַר דאָס מיזעראַבלע לעבן, נאָר פאַר א צוקונפט פון גאַנצן פאָלק, פאַר א זיכערע היים פאַר יידישע קינדער, ניט דוקא אייגענע קינדער, נאָר פאַר יידישע קינדער, ווען אין קאָן איז נעשטאַנען די יידישע האָפענונג פון דורות, איז ניט געווען קיין שמץ פון פחדנות. פאַרקערט. יעדער איינער וואָס ליגט דאָ אונטערן שטיין, האָט זיך געריסן צו זיין דער ערשטער. אָט ליגט דער זיבעצן יאָריקער בחור וואָס האָט זיך ארומגעגאַרטלט מיט „מאָלאָטאָוו" באָמבעס און זיך באוואוסטזיניק געוואָרפן אונטערן מצרישן טאַנק, מיטן קלאָרן באוואוסטזיין אז ער גייט זיך טויטן, אָבער דער טאַנק וועט אויפגעריסן ווערן. און אפשר אזוי וועט אים געלינגען אָפּצוראַטעווען דעם קבוץ, די קינדער וואָס ליגן באַהאַלטן אין בונקער, די חברים וואָס זיינען דאָך געבליבן ממש אָן געווער.

און אָט איז נאָך א מצבה, אונטער איר ליגט אַן אכצן יאָריקער בחור. אין דערהיים איז געבליבן וואַרטן אויף אים די מאַמע. ער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים זיינען געלעגן אויף א געפערלעכער פּאָזיציע. זיי האָבן געשאָסן אזוי לאַנג ווי ס'האָבן געדויערט די קוילן. ביי די לעצטע עטלעכע קוילן האָט ער געבעטן די חברים, זיי זאָלן דערווייל פאַרנעמען א צוויטע פּאָזיציע און ער אליין וועט אָפּהאַלטן די אָנפאַלער. שוין גאָר ווינציק קוילן פאַרבליבן אינעם שלאָס פון ביקס. ער האָט צוזאַמענגענומען שטיינער און געוואָרפן אויף די קריכנדיקע אַראַבער, ווען זיי זיינען שוין

געוועזן גאָר נאָענט, האָט ער אויסגעשאָסן די לעצטע קוילן און גאָר די לעצטע האָט ער איבערגעלאָזן פאַר זיך. כדי לעבעדיק נישט אריינפאַלן צום שונא אין די הענט.

דער בן אדם וואָס גייט אַרום צווישן די קברים, אַליין אויך אַ געוועזענער סאָלדאַט וואָס האָט אָבער געקעמפט פרעמדע מלחמות, דענקט: ווי גיט מען אָפּ כבוד די העלדן, די ברידער סאָלדאַטן וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט, פאַר דעם כבוד און פאַר דער צוקונפט פון אַ פאָלק? דערמאָנט ער זיך די מיליטערישע רעגלען, שטעלט זיך גלייך, אויסגעשטרעקט, הויבט אויף די האַנט צום קאָפּ, ווי מען האָט אַמאָל געלערנט, און שטייט אויף „אַכטונג". כבוד די געפאַלענע, אייביקער רום די ברידער סאָלדאַטן וואָס זיינען געפאַלן ערנהאַפט ביים דערפילן זייער חוב צום פאָלק און לאַנד.

ס'איז שטיל אויפן מיליטערישן בית הקברות. די באַגלייטער גייען ערגעץ אויף אַ צווייטער טעראַסע. און דאָ צווישן קברים שטייט אַ מענטש מיט דער האַנט אויפגעהויבן, לויט דער מיליטערישער דיסציפּלין. איין לעבעדיקער צווישן די געפאַלענע און גיט אָפּ כבוד די העלדן. אפשר איז עס געווען נישט אַזוי באַרעכנט, אָבער די איינציקע מחשבה וואָס איז אים איינגעפאַלן.

נאָך העכער אויף אַ טעראַסע. דאָ איז דער באַרג אויסגעאַרבעט געוואָרן און שטעלט פאָר אַ שיף, אַ שיף מיט דער „פּאָפּאַ" און „פּראָאַ" מיטן בריקל פאַר דער מאַנשאַפט אין קאַפּיטאַן. ס'איז אַ זעלטענער מאָנומענט אין באַרג נאָך די דערטרונקענע. ביים בריקל איז דאָ באַסיין מיט וואַסער און די מצבות ליגן אויפן דעק פון באַסיין, באַדעקט מיט וואַסער. שווער צו לייענען די נעמען אויף די אונטערוואַסער מצבות, אָבער, איבערן באַסיין שטייט דער אויפשריפט, אַ דענקמאָל פאַר אַלע געפאַלענע, דערטרונקענע אין ים. „אמר ה' מבשן אשיב. אשיב ממצולות ים". (גאָט האָט געזאָגט: אויך פון בשן וועל איך זיי — די געפאַלענע — צוריקקערן. כ'וועל צוריקקערן פון די טיפעניש פון ים. — אַ פּסוק אין תהילים), דער מאָנומענט־שיף מאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

און ווידער טעראַסן, פיר קאַנטיקע סימעטרישע ערד אָפּשניטן באַלייגט מיט מצבות פון געפאַלענע, פון טשעכיע, פון איראַן, פון לאַטוויאַ, פון אונגאַרן, פון אַלע ווינקלען פון דער ערד, זיינען געקומען צופליען די זין פון ישראל כדי צו קעמפן און ראַטעווען זייער לאַנד. און אָט איז אַ קבר פון אַ סאָלדאַט אָן אַ נאָמען. און נאָך אַ קבר, און אַ גאַנצע ריי קברים. דאָ ליגט „דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט" די אומבאַקאַנטע קעמפער, די „אלמונים" (אומבאַקאַנטע, אָן אַ נאָמען) קיינער האָט זיי נים געקענט. אין אַ פינצטערער נאַכט זיינען זיי אַרונטער פון אַ שיף און באַלד זיינען זיי

נעלאָפן אויפן שלאַכטפעלד, געקעמפט און געפאַלן, קיינער געדענקט ניט זייערע נעמען פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט, וואו איז געווען זייער היים. זיי זיינען די „אלמונים”, אָבער זיי האָבן איין נאָמען אָט די אַלע „אלמונים”. שטאָלצע, ווירדיקע זין פון פאָלק ישראל, וואָס זיינען געפאַלן אין גלאָריע, פאַרטיידיקנדיק דאָס לאַנד און פאָלק ישראל.

און דער באַזוכער פון ווייטן לאַנד, וואָס איז געקומען, אויף קבר אחים (ברודער קבר) בייגט זיך איין ביי אַ טעראַסע פון דעם ריזיקן „בית הק־ברות הצבאי” (מיליטערישער בית עולם) און גראַבלט זיך צווישן די קברים, פרעגט די באַגלייטערין, די יידישע טאָכטער, וואָס האָט אַליין אויך אָנטייל גענומען אין דער מלחמת השחרור און וואוינט איצט אין דער נאָענטער שכונה... וואָס טוט איר דאָרטן, וואָס גראָבט איר, האָט איר עפּעס גע־פונען? און דער באַזוכער ענטפערט: דאָס נעם איך אויף אין אַ זעקל, ערד, זאַמד, פון אָט דעם בית עולם. כ'וועל עס מיטנעמען אין מיין היים, און ווען מיין שעה וועט אויסשלאָגן, וועל איך אָנזאָגן מען זאָל אויף מיר אַרויפשיטן אָט די זאַמד, די ערד פון דעם בית הקברות. ס'איז הייליקע ערד, און דאָס וועט מיר גרינג און זיס מאַכן דעם קבר. ס'איז ערד וואָס עס שענקען מיר מיינע ברידער סאָלדאַטן, אויב אפילו איך האָב ניט זוכה געווען צו קעמפן מיט זיי אַקסל ביי אַקסל. דאָס וועט מיר געבן דעם געפיל אַז איך ליג אויך באַערדיקט אויף אַ מיליטערישן בית עולם, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מיליטערמאַן, אויב אפילו ניט פאַרדינט, אָבער אויך מיין קאַמף איז געווען פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק. נעמט נישט צו ביי מיר אָט דעם זכות, די ביסל ערד פונעם בית הקברות הצבאי וואָס ס'וועט פאַר מיר זיין אַ גרויסער כבוד צו באַשאָטן ווערן מיט דעם, ווען מיין צייט וועט קומען.

— 10 —

סדום

אז סדום זאָל ווערן אַן אַטראַקציע־פּלאַץ פאַר טוריסטן האָט לוט געוויס ניט געחלומט. קיין צופיל מערקווירדיקייטן זיינען אין סדום ניטאָ, ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו זען די שטאָט וואָס איז געווען אַ שם דבר, פאַר אַלדאָס בייז.

זעענדיק סדום, די וויסטעניש אַרום, דעם ים המלח, איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַז דאָרטן האָט געקענט בליען אַ ציוויליזאַציע, אָבער קיין ליגן איז אין חומש נישטאָ. דאָס לאַנד וואָס האָט אויסגעזען אַזוי אַנציענד אין לוטס אויגן, אַז ער האָט עס אויסגעקליבן צו וואוינען דאָרטן און פאַשען זיינע סטאַדעס, ליגט האַרט ביים ים המלח ביי די בערג פון מואב (היינט אין ירדן) דאָרטן איז טאַקע גרין, די ערד איז פרוכטבאַר, און מעג־לעך אַז דער שטח וואו איצט געפינט זיך דער ים המלח איז אויך געווען פרוכטבאַר און גרין, איידער ס'איז געקומען די קאַטאַסטראָפע, און דער ים המלח האָט פאַרכאַפּט אויך דעם געגנט וואָס איז געווען „כולו משקה" (אַ פרוכטבאַרער באָדן).

פאָרנדיק קיין סדום, מוז מען דורכפאָרן באַר־שבע, וואו אונדזער זיידע אַברהם האָט געגראָבן ברונעמער. דער דאַמאָלסטיקער קעניג פון לאַנד אבימלך פון גרר האָט, ווי דער שטייגער פון מלכים, די ברונעמער טאַקע פאַרשאָטן. פון די דאָזיקע ברונעמער פון אַברהם אָבינום צייטן איז היינט קיין זכר נישטאָ, אָבער באַר שבע האָט זיך אָן עין הרע צע־וואַקסן. ס'וועט נישט נעמען קיין לאַנגע יאָרן, ווי באַר שבע וועט ווערן „דאָס פערל" פון נגב.

אַרום באַר שבע געפינען זיך בעדואינער, וועלכע קענען זיך ניט שיידן מיטן מדבר. די מדינה זוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרוואַנדלען דעם מדבר אין אַ פרוכטבאַרן געגנט. די בעדואינער זיינען ניט אַזוי שטאַרק

צופרידן; אין באר שבע ווארטן אַפּ די בעדואינער די טוריסטן, און פאַרבעטן זיי צום רייטן אויף די קעמלען. פון דעם ציען אַ פּאָר צענטליק בעדואינער זייער פּרנסה, אָדער בעסער געזאָגט, ס׳איז אַ זייטיקע פּרנסה.

אויפן וועג צו באר שבע טרעפט זיך אָן דער רייזנדער, מיט אַ בילד וואָס מאַכט ניט קיין גוטן איינדרוק. ביים כביש (שאָסיי) געפינט זיך אַ בעדואינער מושב. היות ווי די טוריסטן ביורא זוכט צו באַווייזן אַלע מערק־ווירדיקייטן, שטעלט מען אָפּ דעם אויטאָבוס און מען ווייזט די טוריסטן אַ מערקווירדיקייט, וואָס איז אַ חרפה און הלואי וואָלט מען עס ניט געוויזן די טוריסטן.

ביים כביש געפינט זיך אַ גרויס געצעלט פון בעדואינער, אַ געצעלט וואָס איז באַדעקט מיט שמאַטעס און ציגן פעל. אַזוי אייגנטלעך האָט עס געדאַרפט זיין, ווייל דער באַדעקטער דאַך איז צופליקט, צוריסן. אין געצעלט זיצן עטלעכע בעדואינער, און ארום בלאַנקען פרויען, קינדער, אַ פּאָר שעפּסן, הינער. די בעדואינער גייען שמוציק, ארומגעריסן, די קינדער אויסגעדאַרטע, שמוציקע בעטן־בעטלען אַ פּאָר „אגורות״. אויף די טוריסטן וואָס זעען עס צו, מאַכט עס אַ שוידערלעכן איינדרוק. דער „פירער״ דערציילט אַז דאָס איז דער לאַגער פונעם בעדואינער שייך סולימאַן וואָס פאַרמעגט זיין אייגנס 39 ווייבער און עטלעכע און אַכציק קינדער. לויט ווי ער דערציילט, האָט די ישראל רעגירונג פאַרגעשלאָגן די בעדואינער, זיי צו באַזעצן אין הייזער, אָבער די בעדואינער ווילן עס ניט אָנעמען. זיי האָבן מורא אַז זיי וועלן פאַר דעם דאַרפן באַצאָלן, איז בעסער די שמוץ, איידער צאָלן שטייערן. אַלע פּאָר וואָכן קומט זיי באַזוכן אַ דאָקטאָר, היילט און ניט מעדיצין די קראַנקע. דאָס איז כמעט אַלץ וואָס די רעגירונג טוט פאַר זיי, ווייל אויסבעסערן זייער לאַגע, דערלאָזן ניט די בעדואינער אַליין.

ווי אַזוי די ישראל רעגירונג זאָל זיך אָן עצה געבן אין דעם פאַל, ווייסן מיר נישט. אָבער אַז מען מוז עפּעס טאָן צו אַזאַ שוידערלעכע סי־טואַציע, דאָס איז קיין ספק נישט. ס׳איז זייער ניט געזונט פאַר אַ לאַנד אַז פון איין זייט זאָלן אויפקומען דערפער, שטעט, מושבים וואו מענטשן אַרבעטן און לעבן ווי מענטשן, און ביים זייט זאָלן זיך געפינען אַזעלכע בעדואינער לאַגערן. אין ישראל זיינען דאָ געגנטן וואו ס׳געפינען זיך אַ סך אַראַבישע דערפער, אָבער יענע אַראַבער לעבן נישט ערגער ווי אַלע איינ־וואוינער. אַלנפאַלס איז ניט צו זען אַזעלכע דערדריקנדיקע בילדער וואָס מען ווייזט עס נאָך טוריסטן, ווי אַ מערקווירדיקייט. דאָס איז שוין געוויס נישט נויטיק.

צום גליק געפינען זיך נאָר ווינציק אַזעלכע בעדואינער לאַגערן אין ישראל, אָבער וויפל ס׳זיינען דאָ איז אויך צופיל. מען זאָגט די טוריסטן אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן ענערגיש צו האַנדלען, כדי אַזוינס זאָל וויי־

טער מער ניט געזען ווערן. הלואי זאָל זי עס טאָן און וואָס גיכער.

דער קאָנטראַסט ווערט נאָך שטאַרקער, ווען מען פאָרט פאַרביי אַ בית עולם פון געפאַלענע ענגלענדער. די ענגלישע רעגירונג זאָרגט עד היום אַז די געפאַלענע אין דער ערשטער און צווייטער מלחמה, זאָלן כּאָטש געניסן פון דער רואיקייט צו וואָס די טויטע זיינען בארעכטיקט. דער בית עולם איז ארומגעצאַמט, ריין, זויבער און די צלמים אויף די קברים דער־מאָנען אַז דאָ ליגן מענטשן וואָס זיינען געקומען קעמפן פאַר דער ענגלי־שער אימפּעריע פון ווייטע לענדער. מען פאָרט פאַרביי דעם פּלאַץ מיט אַ געפיל פון רעספּעקט און אויך מיט אָנערקענונג פאַר ענגלאַנד וואָס האָט ניט פאַרגעסן די טויטע זין, געפאַלענע אין מלחמה.

צווישן די צלמים, געפינט זיך איין איינציקער מגן דוד. דאָ ליגט באערדיקט אַ יידישער אָפיצער פון אויסטראַליע, וואָס איז געפאַלן אין דער ערשטער מלחמה. אויף זיין מצבה זיינען אויפגעשריבן די עטלעכע ווערטער וואָס צווינגען זיך צו פאַרטראַכטן: „אַזוי ווייט, און דאָך אַזוי נאָענט", אַזוי ווייט פון זיין היים, פון אויסטראַליע, און דאָך אַזוי נאָענט אין דעם יידישן לאַנד.

צווישן באר שבע און סדום איז ניט לאַנג אויפגעקומען אַ נייער ישוב: דימונה. (אַ גרופּע מעקסיקאַנער יידן האָבן דאָרטן אויסגעבויט אַ צוקער פאַבריק) דאָס איז דער העכסטער פּונקט פאַר סדום. פון דימונה הויבט מען אָן אַראָפּצופאָרן נידעריקער. דער ים המלח געפינט זיך פיר הונ־דערט מעטער, נידעריקער ווי דער ים־ניוועל. דאָס איז דער נידעריקסטער ים אויף דער וועלט.

דער ים המלח איז אַ מין אָזיערע פון הונדערט פינף און צוואַנציק קילאָמעטער די לענג אויף לערך פינף און צוואַנציק קילאָמעטער די ברייט. און דאָס וואַסער וואָס איז געזאַלצן, איז רייך מיט מינעראַלן. פון ים המלח ווערט אויסגעצויגן יעדן יאָר הונדערטער און טויזנטער טאָן פּאָטאַש. די מערסטע אַרבעטער וואָס זיינען דערביי באַשעפטיקט וואוינען היינט אין דימונה. ס'איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער פּראָצעס ארויסצובאַקומען דעם פּאָטאַש פון די ים וואַסער. אַמאָל איז די גאַנצע אינדוסטריע כמעט, געלעגן אויף יענער זייט, וואָס איז היינט פאַרנומען פון ירדן. נאָך דער באַפריי־אונג פון מדינת ישראל, האָט מען געמוזט אריבערפירן די מאַשינען און איינריכטונגען אויף דער יידישער זייט, אין סדום. אָבער ניט אַלץ האָט מען באַוויזן אריבערצופירן.

ביים ים, אין סדום, זוכט דער רייזנדער אין די בערג, וועלכער באַרג איז עס לוטס ווייב, ווי ס'שטייט געשריבן אין חומש. די בערג ארום זיינען אימהדיקע און באַשטייען פון אַ גרויסן פּראָצענט זאַלץ. מען ווייזט אָן אויף איין מוראַדיקן באַרג אַז דאָס איז עס, די אַמאָליקע צאַרטע פרוי־

פון אונדזער קוזין, לוט. למען האמת: ס'האָט קיין שום פיגור ניט אָט דער באַרג אין וועלכן לוטס ווייב האָט זיך פאַרוואַנדלט. דער „קאָפּ" פון באַרג איז איבערגעבויגן צום ים, און האַלט זיך אויף משקולות. אין אַ ליאַדע מינוט קען עס אַרונטערפאַלן.

דער אַרום איז וויסט און באַרגיק. ווער ווייסט וויפל היילן געפינען זיך אין די בערג. גאָר אַ סך סודות פון אַמאָל פאַרבאָרגן די בערג און די היילן אַרום סדום. קיין וואַסער איז דאָ נישטאָ. איצט האָט די רעגירונג אונטערגענומען אַ ריזן פּראָיעקט, צו ברענגען וואַסער פונעם ירדן, פונעם צווייטן ברעג לאַנד, צום נגב. דער איינדרוק איז, אַז אַ חוץ דער שטח אַרום סדום וואָס איז אַבסאָלוט נישט צוגעפּאַסט פאַר אַגריקולטור, קען אָבער דער ריזיקער נגב ווערן פּרוכטבאַר ווען ס'זאָל זיין גענוג וואַסער. קיין רעגן פאַלט דאָ נישט, אָדער ס'פאַלט גאָר ווינציק, איז וואו ס'האָט זיך געשאַפן אַ ריטשקעלע וואַסער, וואָס האָט אַראָפּגערונען פון די בערג, מערקט זיך אַביסל גרינקייט. דאָס ווייזט אַז ווען ס'וואָלט דאָ געווען גענוג וואַסער, אַ סך וואַסער, — ווייל דער זאַמד זאַפּט איין גאָר אַ סך וואַסער, — וואָלטן דאָ געקענט בליען פיל ישובים.

קיין סוד איז עס ניט, ווייל אַלע וועלכע פאָרן פאַרביי זעען עס, ליינען די וואָרנונגען אַז די שטרעקע, שטח, איז פאַרבאָטן פאַר יעדן באַזוכער. פאַרנדיק פון באר שבע קיין סדום געפינט זיך אַן אָפּגעצאַמטער — מיט דראָט — ריזיקער שטח וואָס פאַרנעמט צענטליקער און צענטליקער קי־לאָמעטער. דאָרטן געפינען זיך די אינסטאַלאַציעס פאַר אַטאָמישער פאָר־שונג. די רעגירונג פאַרבאָט דעם צוטריט אַהין, אויך צוליב די ראַדיאַציעס, אויסשטראַלונגען, וועלכע קענען זיין געפערלעך. מסתמא אויך פון זיכער־קייטס טעמים. וואָס דאָרטן ווערט געטאָן, ווייס קיינער נישט, אויסער די וועמען די אַרבעט איז אָנגעטרויט געוואָרן. אָבער די ישראל בירגער קוקן אויף דעם שטח, וואו דער אַטאָם ווערט געפאָרשט און באַזיגט, מיט גרויס בטחון. מעגלעך אַז פון דאָנען וועט קומען די ישועה פאַרן נגב. אַז דאָ, אין דער וויסטעניש, וועלן אַמאָל בליען שטעט און דערפער.

פון תל אביב ביז סדום איז לערך הונדערט פינף און אַכציק קילאָ־מעטער. און יעדער קילאָמעטער וועג צו בויען און אַספאַלטירן האָט אָפּ־געקאָסט ביי אַ מיליאָן פונט, אַזוי אַז דער אַספאַלטירער נישט גאַנץ ברייטער וועג קיין סדום, האָט אָפּגעקאָסט ביי הונדערט פינף און אַכציק מי־ליאָן פונט. פאַרן אַראָפּפאָרן קיין סדום, פאַרנעמט זיך דער טראַקט, רעכטס קיין אילת, דער דרום־פּאָרט פון ישראל, וואָס וועט נאָך שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

ווידעראַמאָל איז דאָ דער איינדרוק, אַז מדינת ישראל איז אַ גרויס לאַנד, אין טעריטאָריע. אויב ס'זאָל געלונגען, אָדער דורכן זאַרכין פּראָ־

יעקט (אַרויסציען די זאַלץ פון ים וואַסער, און מיט די זיסע וואַסערן באַ־וואַסערן דעם נגב) אָדער מיט דער הילף פונעם אַטאָם צו באַוואַסערן אָט די ריזיקע שטחים, בערג און טאָלן, איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַזעצן אין נגב מיליאָנען מענטשן. דערווייל זיינען אַלע אינדוסטריעס קאָנצענטרירט כמעט אין עטלעכע געגנטן. אָבער די צוקונפט פון מדינת ישראל ליגט דווקא אינעם געגנט וואָס היינט איז עס מדבר, וויסט. מיטן באַוואַלדן און באַגרינען די וויסטע שטחים וועט זיך פאַרבעסערן דער קלימאַט. צו הייס איז אין נגב היינט אויך נישט.

וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו תל־אביב, ווערן אַלץ מער און גע־דיכטער די ישובים. ראשון לציון מיט איר גרויסער ווײַן פּראָדוקציע. רחובות — רחובות פייערט דעם יובילײ פון איר עקזיסטענץ, איז עס ליכ־טיק און פריילעך אין שטעטל. — נס ציונה, און אַנדערע ישובים. פייער־לעך לייכטן און פלעמלען אין דער נאַכט איבערן גאַנצן געגנט. דאָרטן לעבן, אַרבעטן און איצט אָנגעקומען צום נאַכט עסן, צום אָפּרו, טויזנטער ייִדן, געקומענע פון אַלע ווינקלען פון דער ערד און היינט זיינען זיי אַלע גוטע געטרייע בירגער פון ישראל.

זאָגט איין טוריסט: אַ שאָד וואָס אַזוי פיל ישראל טעריטאָריע איז מדבר, זאַמד, און טויג נישט צו באַזעצן נייע אייַנוואַנדערער.

ענטפערט דער טוריסטן פירער: פאַרלאָזט זיך אויף ישראל. מען זאָגט אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און די האָלענדער האָבן באַשאַפן האָלאַנד. מיר וועלן אויך באַשאַפן אַ ניי לאַנד וואָס וועט זיין פרוכטבאַר און וועט ברענגען אַ ברכה פאַר די אייַנוואוינער. קומט אין אַ פינף און צוואַנציק יאָר אַרום און איר וועט דעם נגב ניט דערקענען. מיר וועלן, דורך אַרבעט, מיט שווערער מי, פאַרוואַנדלען דעם מדבר אין דער שענסטן געגנט פון לאַנד. מיר וועלן מאַכן פון מדבר אָט דאָס וואָס די האָלענדער האָבן גע־מאַכט פון האָלאַנד.

— 11 —

חיפה

ווען מען פאָרט פון תל־אביב קיין ירושלים, איז עס ארויף בארג. דער „כביש" (שאָסיי) וואָלט געקענט „דערציילן" פון איבערנאַטירלעכער גבורה פון די ישראלים, בעת די קאַמפן קעגן די אַראַבישע אַריינדרינגער. נאָך היינט, אין 1961 קען מען זען ביי די ראַנדן פון כביש, סמנים פון די העראָישע קאַמפן. נאָר די וועלכע זיינען אַ ביסל באַקאַנט מיט סטראַטעגיע קענען אָפּשאַצן דעם הערא־איזם פון די ישראלים אויפצוהאַלטן פּאָזיציעס אין טאָל ווען פון די בערג זיינען זיי באַשאָסן געוואָרן אָן אויפהער. ביים כביש געפינען זיך נאָך עטלעכע פאַרברענטע געפּאַנצערטע אויטאָס, וועלכע האָבן דעם כביש נים געקענט דורכפאָרן און געבליבן דאָרטן צושאָסענע.

דער וועג קיין חיפה פירט דורך פלאַכלאַנד, כמעט האַרט ביים ים. ס'איז אַ גלייכע וועג וואָס פירט דורך קבוצים און מושבות, פון תל־אביב, צום היינטיקן גרעסטן האַפן פון לאַנד.

אין ישראל גייט אַרום אַזאַ ווערטל: „ירושלים לומדת, תל־אביב רוקדת, וחיפה עובדת". — אין ירושלים לערנט מען, תל־אביב טאַנצט און חיפה אַרבעט. איז עס אַביסל איבערגעטריבן. ירושלים לערנט, נו געוויס איז עס ריכטיק. אין ירושלים געפינען זיך גרויסע ישיבות, אַקאַדעמיעס, אפשר ניט קיין קלענערע ווי אַמאָל אין נהרדעא און פומפּדיתא. אָבער מען אַרבעט אויך אין ירושלים, בפרט נאָך איצט, ווען די רעגירונג האָט זיך אַרומגעזען אַז נאָך אַלעמען איז דאָך ירושלים די הויפּט שטאָט פון דער מדינה, און מען דאַרף ירושלים פאַרגרעסערן, פאַרשענערן, און מער אַקטיוויזירן. ס'איז טאַקע זייער אָנגענעם צו זען די וואונדערלעכע געביידעס פונעם אוניווערסיטעט, אָבער ירושלים דאַרף האָבן אויך נייע אינדוסטריעס וואָס זאָלן געבן אַרבעט דער באַפעלקערונג, באַשעפטיקונג וואָס זאָל צוציען נייע עולים זיך באַזעצן אין ירושלים, ווי למשל דאָס ווערט אַזוי איינטענסיוו געטאָן אין באר שבע.

און אין תל־אביב טאַנצט מען גאַרנישט אַזוי פיל. תל־אביב איז איינע פון די גרעסטע אַרבעטס צענטערן פון לאַנד. נאָר יידן האָבן ליב חוזק צו מאַכן, שאַפן אַ וואָרט שפּיל, איז זאָל עס זיי זיין צו געזונט.

וואָס ס'איז יע ריכטיק אינעם וואָרט שפּיל איז אַז „חיפה עובדת" חיפה אַרבעט. אַלע שווערע אינדוסטריעס ווי מעטאַל אינדוסטריע, אויטאָמאָבילן, צעמענט א"א, געפינען זיך אין חיפה, אָדער ביי חיפה. ס'איז באמת אַ שטאָט מיט „הענט מיט מאַזאָליעס און פון שטערן גיסט זיך שוויים". אפילו אַן אונטערערד באַן געפינט זיך אין חיפה. יודעי חן זאָגן אַז מען האָט אַזוי געדאַרפט האָבן דעם „סאַבוויי" אין חיפה, ווי אויגן ווייטאָג. סך הכל ברענגט דער אונטערערד באַן אריין גרויסע דעפיציטן, אָנשטאָט נחת, נאָר ס'איז באמת אַ שיינער אויפטו. ממש אַ גראַטענע שפּילצייג. דער באַן פירט אַרויף אויפן הר הכרמל, און פירט אַרונטער, פאַרמאָגט לערך אַ 3—4 סטאַנציעס. מעגלעך אַז ווען חיפה וואָלט געהאַט לכל הפחות אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער, וואָלט זיך עס געלוינט. דערווייל האָט די שטאָט פאַר־וואַלטונג פון חיפה גענוג צרות פון דעם באמת ריינעם און ציכטיקן „סאַבוויי" אין חיפה.

חיפה איז דער טויער אַריינצופאָרן אינעם צפון טייל פון לאַנד, צום גליל. אַרום חיפה בויען זיך נייע שכונים און ס'איז שווער צו וויסן וואו ס'ענדיקט זיך די שטאָט און ס'הויבט זיך אָן די פּראָווינץ. היינט איז חיפה דער גרעסטער פּאָרט אין לאַנד. מען שמועסט אין מדינת ישראל אַז אין אשדוד וועט אויפגעבויט ווערן אַ פּאָרט וואָס וועט אַריבערשטייגן חיפה, אָבער דערווייל איז חיפה די שטאָט וואו ס'קומען שיפן און ס'איז אַ גרויס באַוועגונג פון פּאַסאַזשירן וואָס קומען אָן אין פּאָרט. ס'איז אַ נחת צו זען ווי יידן זיינען פאַרנומען ביים פּאָרט ווי טרעגער, עקספּעדיטאָרן, מעכאַניקער און טעכניקער.

און חיפה איז ניט נאָר אַרבעט, מאַטעריאַליזם. ס'זיינען דאָ אין חיפה גרויסע קולטור אַנשטאַלטן. דער חיפהער טעכניקום איז אַ שם דבר אין דער וועלט. מ'קען משל געפינט זיך אין חיפה אַזאַ קולטור אינסטיטוציע וואָס זאָל זיך רופן „שואל ומשיב" פּראַגן און ענטפערס. ס'קומען זיך צענויף יוגנטלעכע און פרעגן און אַ ספּעציעלער סטעף מיט געלערנטע ענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגן. ס'איז כדאי אַז מען זאָל זיך בעסער באַקענען מיט דער אייגנאַרטיקער אינסטיטוציע און פּרובירן איר אימיטירן אין תפוצות ישראל.

חיפה איז אַ שיינע און אַ ריינע שטאָט. אָבער וואונדערלעך שיין איז חיפה ביינאַכט. מער דאַרף אַרויסגיין אויפן הכרמל און אַראָפּקוקן ביי־נאַכט אויף דער אונטערשטער שטאָט, אויפן ים. ס'איז אַ בילד וואָס פאַר־

כישופּט ממש. ס׳דוכט זיך אויס אַז ס׳איז עפּעס אַ פאַנטאַזיע, זעענדיק די ליכטער פון חיפה און זייער אָפּשפּיגלונג אין ים.

חיפה טיילט זיך אויף דריי טיילן. די אונטערשטע שטאָט ביים ים, מיטן האַפן און די וואַרשטאַטן, וועלכע ווער-הייזער און אַלע אַנדערע האַפן איינ־ריכטונגען, דאַן אין מיטן בארג, וואָס מען רופט הדר הכרמל. די פּראַכטיקייט פונעם כרמל און גאָר אויבן אויפן באַרג, הכרמל. ביינאַכט זעט עס אויס ווי אַ ריזיקער וואַסער פאַל, פון כרמל צום ים, וואָס איז איינגעטונקט אין כלערליי פאַרבן פון ליכט.

דער הר הכרמל איז אַ גרויסער בארג וואָס ציט זיך פאַר מיילן לאַנג. לויט דער טראַדיציע, געפינט זיך אויפן באַרג אַ הייל וואו אליהו הנביא האָט זיך אויפגעהאַלטן. די „הייל״ איז פאַרהייליקט סיי ביי יידן און סיי ביי די אַראַבער. פאַר דער באַפרייאונגס מלחמה האָבן אין חיפה געוואוינט גאָר אַ סך אַראַבער, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, טראָץ דעם וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך ממש געבעטן ביי זיי, ביי די אַראַבער, זיי זאָלן פאַרבלייבן. דער גרעסטער טייל פון די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן. איצט געפינען זיך ווינציק אַראַבער אין חיפה און לעבן אַ סך בעסער ווי אַמאָל. טראָץ דעם וואָס דער אויל־שטראָם קיין חיפה, פון די אַראַבישע לענדער, איז היינט שוין ניטאָ, צוליבן אַראַבישן באָיקאָט. די רעפינעריע פון חיפה האָט אַמאָל באַשעפטיקט גאָר אַ סך אַרבעטער.

ביי חיפה ווערט איצט אויך געבויט דער ריזיקער רער וואָס זאָל ברענ־גען די וואַסער פון ירדן קיין נגב. צוליב די אַראַבישע עקשנות, איז ניט מעגלעך צו פירן די וואַסער פון אַ מער נענטערן פּלאַץ. און מוז געפירט ווערן פון זייער ווייט.

אין חיפה געפינען זיך מער אָפּטימיסטן, ווי אין גאַנצן לאַנד, אַז דער שלום מיט די אַראַבער איז גאָר ניט אַזוי ווייט. איין גאָט ווייס אויף וועלכער באַזע דער אָפּטימיזם איז געבויט. די חיפהער וואָלטן וועלן אַז ס׳זאָל קומען אַ שלום, כדי צו דערוויזן די אַראַבער וואָס חיפה איז געוואָרן פאַר די לעצטע דרייצן יאָר. די אַראַבער האָבן גערעכנט אַז מיטן אָפּשניידן דעם אויל־שטראָם קיין חיפה, און די רעפינעריע וועט ניט האָבן קיין אַרבעט וועט פון דער שטאָט ווערן אַ תל. צום סוף האָט חיפה באַוויזן אַז די שטאָט איז שענער געוואָרן, מער פאַרבויט געוואָרן און ס׳איז היינט דאָ אין חיפה מער אַרבעט, ווי אַמאָל. דער ריטם פון אויפבוי איז אין חיפה מער צו באַמערקן ווי אין וועלכער ס׳איז אַנדער שטאָט. חיפה איז די שטאָט פון שווערער אינדוסטריע און האָט גאָר אַ לעבעדיקע צוקונפט.

אינטערעסאַנט איז וואָס טראָץ דעם וואָס חיפה איז אַזוי אַרבעטזאַם, איז די שטאָט בכלל, בפרט דער הדר הכרמל און דער הכרמל רואיק און געמיטלעך. חיפה קען אָנגיין פאַר אַ דאַטשע־שטאָט, מיט אירע שיינע

זויבערע האָטעלן און אירע פּאַרקן. די גאַנצע שטאָט איז איינגעטונקט אין גרינס און צענטליקער טויזנטער ביימער באַשיינען און באַשאָטענע דעם הדר הכרמל און דעם הכרמל. דער מענטש אין גאַס איז ניט אַזוי נערוועז ווי אין תל אביב און ניט אַזוי צו־געלאָסן ווי אין ירושלים. דער חיפה ביר־גער איז מער סטאַביל, מער זיכער און מער באַשעפּט־קט, האָט ניט אַזוי פיל צייט צום פאַרברענגען אין קאַפע ווי ערגעץ אַנדערש.

פרעגט דער חיפהער איינוואוינער ביים טוריסט: נו, ווי געפעלט אייך אונדזער שטאָט?

ענטפערט דער באַזוכער: ווען איך זאָל זיך באַזעצן אין מדינת ישראל, וואָלט איך אויסגעקליבן חיפה פאַר מיין היים. חיפה איז נישט אַזוי „אייראָפּעיש" ווי תל אביב און נישט אַזוי „אָריענטאַליש" ווי ירושלים. ס'איז אַ שטאָט מיט אַ משקל, מיט אַ גלייכגעוויכט. ס'איז אַ שטאָט וואָס מאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק אויפן באַזוכער און מאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט איר באַלעבאַטישקייט. ס'איז אַ באַחנטע שטאָט וואָס לאָזט איבער אַ גוטן געשמאַקן טעם ביים באַזוכער. אַלע שטעט און דערפער פון ישראל מעגן שטאָלצירן מיט זייער פּראָגרעס. אָבער איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמ־פּלימענט: חיפה איז אַ סימפּאַטישע שטאָט און איר, די איינוואוינער מעגן באמת שטאָלצירן וואָס איז אייך געלונגען אויסצובויען אַזאַ מאָדערנע שטאָט, מיט איר האַפן און אינדוסטריע און דאָך זאָל מען זיך פילן אין חיפה אַזוי געמיטלעך. אַזוי באַלעבאַטיש. חיפה איז דער סימבאָל פון דער נייער מדינת ישראל וואָס שטייענדיק פעסט ביים ים, ציט זי זיך באַרג אַרויף, ניט מיט געאייל און געפילדער, נאָר באַרעכנט, בהדרגה. דאָ איז מיר געפעלן, און אַז כ'וועל פאַרווירקלעכן מיין חלום זיך צו באַזעצן אין ישראל וועט צוקומען נאָר אַ בירגער אין חיפה.

— 12 —

קבוצים

אין גליל געפינט זיך די פרוכטבארסטע ערד פון מדינת ישראל. דער גליל טיילט זיך אויף אן אויבערשטן גליל און אונטערשטן. די מערסטע און גרעסטע קבוצים געפינען זיך אין גליל.

דעם רעזולטאט פון אנגעשטרענגטע מי, ארבעט און ליבע פארן לאנד, קען מען זען אין חולה, דארטן וואו ס׳זיינען געווען זומפן און נעסטן פון מאלאריע. די אראבישע שכנים האבן געסקאנדעלעוועט, אז זיי וועלן ניט דערלאזן אויסטריקענען די זומפן, כאטש זיי אליין האבן אויך באקומען זייער פארציע מאלאריע פון די זומפן פון חולה.

היינט איז דער באדן א געזונטער. אנשטאט די אמאליקע זומפן, געפינען זיך קינסטלעכע אזיערעס וואס גיבן ארוים געזונטע פיש. א סך קבוצים לעבן איצט פונעם פיש פאנג פון חולה, ס׳איז אבער א גאנץ אנדער פיש־פאנג ווי אמאל. היינט, מיט מאדערנע מכשירים, מיט צוגעפאסטע מעטאדן, קומט דער פיש־פאנג אן א סך לייכטער ווי אמאל.

קיבוצים זיינען דא רייכע און מיטעלע, קיין גאנץ ארעמע קבוצים איז ניט צום טרעפן. א סך קבוצים האבן „זייטיקע פרנסות״ וואס טראגט אריין שיינע סומעס געלט אין קאסע און אזעלכע קבוצים רופט מען „רייכע״. די „זייטיקע פרנסות״ זיינען אזעלכע וואס לכתחילה האט מען זיי ניט גע־נומען אין אכט ביים בויען דעם קבוץ. די מערסטע קבוצים זיינען אויפ־געקומען מיטן געדאנק צו באארבעטן די ערד און לעבן פון דעם וואס די לאנדווירטשאפט וועט אריינברענגען. היינט זיינען דא קבוצים וואס האבן פאבריקן פון קאנסערוון, האלטן רעסטאראנען וואס באדינען די טוריסטן. פארמעגן גרויסע מילך ווירטשאפטן, אדער גיבן זיך אפ מיט פיש־פאנג. ס׳הייסט: די אגריקולטור שפילט שוין נישט אזא ראליע אין קבוץ ווי אמאל.

דער קבוץ אין אויפגעקומען אין גרוים קדושה. ווען די קבוצים זיינען

געבויט געוואָרן, וויפל מאָל אפילו אונטער אַ רעגן פון קוילן פון די „שכנים" איז די גרינדער נישט געלעגן שטאַרק אין זינען דער עקאָנאָמישער מאָמענט, צו ס'וועט זיין פלייש צו מיטאָג־שבת — אָדער צו מען וועט קריגן אַ נייעם בגד. אינעם היינטיקן יאָרהונדערט וואָס איז אַזוי מאַטעריאַליזירט געוואָרן, איז דער קבוץ געווען די שענסטע דערשיינונג, וואו נישט דער עקאָנאָמישער מאָמענט האָט מכריע געווען נאָר דער אידעאַלער, דער גייסטיקער. מיטן קבוץ, מיט דער חלוצישער באַוועגונג איז פאַרבונדן איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען פון יידישן פאָלק, אינעם היינטיקן טראַגישן יאָרהונדערט.

אָבער כדי צו זיין אָביעקטיוו, מוז מען צוגעבן אַז אַ סך קדושה איז פון דער געוואַלדיקער קבוץ אידייע אויסגערונען. ס'זיינען אַוועק די יאָרן פון טרוים און פאַנטאַזיע און ס'זיינען געקומען די יאָרן פון פּראַקטישקייט. דער קבוצניק האָט זיך אַרומגעזען אַז מיט אידעאַלן אַליין איז שווער צו לעבן. אָט לעבן דאָך אין תל אביב יידן וואָס האָבן פאַרבויגן אויף אידעאַלן אין האָבן זיך פּראַקטיש איינגעאָרדנט, מיט אַ פיינער דירה, מיט שיינע קליידער וכדומה.

הייסט עס נישט אַז דער קבוץ בכלל האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון די אַמאָליקע אידעאַלע און העראָאישע חלומות, נאָר ער איז אַביסל פּראַקטישער געוואָרן. אָט איז למשל אַ גרויסער קבוץ אין גליל. די אַרבעט ווערט עקיטאַטיוו פאַרטיילט, די עקאָנאָמיע איז אַ גוטע, דער חדר האוכל (עס צי־מער) איז אויסגעשטאַט מיט געשמאַק און אפילו מיט קאָמפאָרט. ס'איז נישט קיין לאַנגע קאַזאַרמע טישן, נאָר טישלעך פאַר פיר פּערזאָן. די קיכן זיינען מוסטערהאַפט אויסגעשטאַט, מיט די מאָדערנסטע קאָך מאַשינען, און דער עסן איז נישט כדי „אָפּצועסן" נאָך ס'איז בשום אופן נישט ערגער ווי אין אַ לייטישן האָטעל. עסן איז אָן עין הרע דאָ, לרוב, גענוג און איבערגענוג, און נישט ברויט און גרינסן, נאָר פלייש (עוף) און אַנדערע מאכלים. מען זעצט זיך געמיטלעך ביי די טישלעך און מען עסט אַ פאָרשפּייז, אַ זופּ, פלייש, אַ דעסערט און אַמאָל אַ גלעזל טיי אָדער קאַווע.

די קבוצניקעס לעבן אין פּריוואַטע היימען וועלכע זיינען זייער פיין אויסגעמעבלירט. מען קומט אַריין אין אַ שיינע, ריינע היים פון אַן עלטערן פּאָרל. זיי זיינען פון די „ותיקים" (פון די אַלט געזעסענע) אַ שלאָף צימער, אַן עס צימער, אַ קליין קיכל, און אַ באָד צימער. די מעבל זיינען קאָמפאָר־טאַבל און נישט קיין שטאַרק אָפּגעניצטע, ס'איז דאָ אַ ראַדיאָ און די באַ־לעבאָסטע שטעלט צום טיש אַ טאָרט, קאַווע, פּרוכט. נישט ערגער ווי אין אַ באַלעבאַטישע היים אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס פּאָרל, וועלכע געדענקען די אַמאָליקע צייטן, ווען מען איז אַרויף אויפן לאַנד, אויסגעבויט דאָס קינדער היים און די שטאַלן פאַר די בהמות, קיין וואַסער איז נישט געווען און דאָס לעבן איז געווען שווער אָבער גייסטרייך

פול מיט אידעאַלן. דערציילט מען עס היינט אין פרייד. אָבער זיי בענקען נאָך יענע צייטן, ניט נאָר דערפאַר ווייל מען איז געווען יונג, נאָר ווייל דאָס לעבן איז געווען רייכער, היינט איז דאָס לעבן באַקוועמער, מער קאָנפאָרטאַבל, אָבער מיט אַ סך ווייניקער חלומות.

אין קבוץ קומען פאָר פאַרווייַלונגען, קינאָ־טעאַטער — אייגענע און מערסטן וואָס קומען פון די שטעט — פאָרלעזונגען, לעקציעס אאַ״וו. פאַראַן קבוצים וואָס האָבן דורכגעמאַכט שווערע אויפטרייסלונגען, ווי למשל עין חרוד, וואָס האָט זיך צוטיילט. איין קבוץ איז געטיילט געוואָרן אויף צוויי און אפילו אויף דריי, וואָס דער אונטערשיד פון איין קבוץ מיטן צווייטן, ווייסן אפילו די קבוצניקעס אַליין נישט.

אין געגנט פון בית שאָן, זיינען דאָ קבוצים, אָרעמערע, אָבער די „אָרעמע" לעבן זיך אויך גאַנץ נשקשהדיק. ניט מיט אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, אָבער ס'פעלט זיי חלילה נישט דאָס נייטיקסטע. אַ סך קבוצים ליידן פון דעם וואָס די יוגנט, די קינדער ווילן מער ניט פאַרבלייבן אין קבוץ און גייען בעסער אין שטאָט אריין. דער עלטערער עלעמענט איז אויסגעאַרבעט, און דער קבוץ איז אָפּגעלאָזן. דער פאַרק איז באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן, פול מיט גריבער — אַ זכר פון די טראַנשייען פונעם באַפרייאונגס־קריג. מען אַרבעט כדי אַרויסצובאַקומען דאָס נייטיקסטע, איז אָן אַ דעסערט, אָן אַ פאָרשפּייז און אָן אַ ראַדיאָ. ס'פעלט פרישע בלוט, פרישע ענערגיע און נייע כוחות. מען גיט זיך אָפּ פיל מער מיט „זייטיקע פרנסות" פישעריי, מילכיקעריי א. א. וו. ווי מיט אַגריקולטור. דאָס לעבן אין אַזאַ קבוץ איז אַ מאָנאָטאָנער און ניט אינטערעסאַנט. אפילו די קינדער צימערן, די קלאַס צימערן דערמאָנען אַז אַמאָל זיינען געווען בעסערע צייטן. דער קבוץ עלעמענט זיצט דאָרטן בעל כרחו, ווייל ער מוז. וואו דען זאָל גיין אַן עלטערע פאָר פאָלק, נאָך אַ לעבן אָפּגעלעבט אין קבוץ?

ס'וועט מוזן קומען אַ מין רענעסאַנס־באַוועגונג אויפצולעבן אַ סך קבוצים וועלכע זיינען היינט פאַרשלאָפן און אָפּהענטיק. דער קבוץ לעבן האָט אַמאָל פאַרמעגט אַ קאָלעקטיווע ענערגיע. היינט פעלט אָט די געמיינזאַמע ענערגיע, און די אינדיווידועלע ענערגיע איז אָפּגעשוואַכט צוליבן עלטער. ווען מען האָט געדאַרפט קעמפן פאַר דעם באַזיץ פונעם באָדן, פאַר אויפציען אַ געזונטן דור, פאַר אַ ביסל וואַכער און פאַר דאָס רעכט צום לעבן, האָט עס געשפּרודלט מיט כוחות. היינט האָט מען כמעט אַלץ דערגרייכט און קעמפן פאַר אַ בעסערע טעלער זופּ אָדער פאַר אַ נייע פאָר וועש איז נישטאָ קיין חשק.

פאַר מענטשן וואָס ווילן לעבן אָן זאָרגן און אָן קאָפּ־ברעכעניש, איז דער קבוץ דער אידעאַלסטער פּלאַץ. יעדערער טוט די אַרבעט וואָס איז אים באַשטימט געוואָרן. אין „רפת" (אין שטאַל ביי די קי) אָדער אין

פעלד, ביים פיש־פאַנג אָדער אין קאָנסערוון־פאַבריק. און דער קבוץ באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן, דער קבוץ איז געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר פּראַקטישער, מען קען אפילו זאָגן, קליינבירגערלעכער טאָגטעגלעכקייט. געוויס זיינען דאָ קבוצים פון יוגנטלעכע וועלכע זעען אין קבוץ ניט נאָר אַ פּרנסה קוואַל, נאָר אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס פאַרשטייען אַז מיטן הויבן דעם לעבנסשטאַנדאַרט פון קבוץ, ווערט באַרייכערט דאָס לאַנד און שאַפט נייע מעגלעכקייטן. ס'זיינען נאָך דאָ קבוצים וואָס שטעלן מער טראָפּ אויף אידעאַל, אויף דער אידייע, ווי אויף די מאַטעריעלע דערגרייכונגען, אָבער דאָס זיינען געציילטע קבוצים. די מערהייט קבוצים טראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

פרעגט דער באַזוכער אין אַ קבוץ ביים סירישן גרענעץ: פאַרוואָס איז ביי אייך אַזוי אָפּגעלאָזן, פאַרוואָס נעמט איר זיך ניט ענערגיש צו פאַרשענערן די וואוינונגען, דעם פאַרק, די ביימער, דעם עס צימער? אָט האָבן מיר באַזוכט אַנדערע קבוצים ווי עין חרוד (איחוד) יאגור און אַנדערע און דאָרטן איז אַזוי אַנדערש.

ענטפערט דער קבוצניק וואָס איז אַלט געוואָרן אין קבוץ: — אָ, יענע קבוצים זיינען גרויסע רייכע „ביזנעס". זיי האָבן אַ סך איינקונפט, מיר דאָ זיינען אויסגעשטעלט אויפן פיש־פאַנג, אויף האָדעווען די פיש, זיי שפּייזן, פאַנגען און פאַרקויפן. אונדזערע איז אַן אָרעמע „ביזנעס".

נו, אויב אַזוי, אויב מען זאָל מעסטן מיטן „ביזנעס" מאָס, איז עס אַ גאַנץ אַנדער אויפפאַסונג, ווייל אויב „ביזנעס", מוז מען האָבן אַ גוטן פאַרוואַלטער, פעאיקע מיטאַרבעטער, און טאַקע גוטע „ביזנעס" אויך. אָבער ס'ווערט אומעטיק אויפן האַרצן הערנדיק, זעענדיק, אַז די וואונדערבאַרע קבוץ אידייע ווערט אָפּגעשאַצט מיט אַ קרעמערישער „ביזנעס"־מאָס.

— 13 —

דער גליל

דער גליל איז דער פרוכטבארסטער געגנט אין ארץ ישראל, דערפאר אפשר איז אפילו אין די גאר אלטע צייטן ניט מעגלעך געווען, אז דער גליל זאל זיין פולשטענדיק אין יידישן באזיץ. אין גליל האבן געלעבט אויך אנדערע פעלקער אויסער יידן. אין ישעיה ווערט גערעדט וועגן גליל הגוים (ישעיה ח׳) אין גליל האבן געוואוינט א צוזאמענמיש פון פעלקער.

דער געגנט יהודה האט זיך געיחסנט קעגן גליל. אין גליל האבן גע־וואוינט ארבעטס מענטשן, איינפאכע פויערים, ניט אזעלכע געלערנטע און חכמים ווי אין יהודה, אבער אט די נאאיווע ארבעטס מענטשן פון גליל זיינען געווען אט די וועלכע האבן ארויסגעגעבן שטאלצע קעמפער, אויפ־ריכטיקע פאטריאטן. דער גליל איז געווען דער רעזערוואר פון וועלכן מלכות יהודה אמאל האט געשעפט כוח, העלדן און קנאים. דער גליל איז אויך געווען דער שפייז קאמער פון ארץ ישראל.

יעדער טראט וואס מען שטעלט אין גליל, איז געטראטן אויף ערד וואס איז פול מיט היסטארישע געשעענישן. אושה און צפת, גוש חלב און קדש נפתלי, פקיעין און טבריה, יודפת, און חצור. דא איז געשטאנען די וויגעלע פון יידישער לאנדווירטשאפט און פון יידישער געלערנטקייט, פון זעלבסטשוץ און פון העלדן וועלכע האבן פארשריבן גאלדענע בלעטער אין דער געשיכטע.

אין גליל געפינט זיך די „מאמע" פון די קאלאניעס, דגניה, און תל חי, וואו טרומפעלדאר איז געפאלן פארטיידיקנדיק דאס לאנד. די בערג פון גליל פארבאהאלטן אין זייער איינגעווייד גאר א סך סודות פון וויטן אמאל. אין ברעם האט מען איצט אויסגעגראבן אן אלטע שול. מען ווייס נאך נישט צו די שול איז געבויט געווארן פארן צווייטן חורבן אדער נאכדעם. אויף די שטיינער זיינען איינגעקריצט מגן דודס און אויך אוזארן וועלכע זיינע זייער ענלעך צום האקנקרייץ. קומט גאר אויס אז דער

פאַרהאַסטער צייכן, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון די ערגסטע רשעות, שטאַמט אויך, אפשר, פון גליל.

קומט מען אַריין אין דער שול פון ארי הקדוש אין צפת ווערט מען איבערגעוועלטיקט פון עמאָציעס. דאָ האָט געלערנט, מתפלל געווען איינער פון די גרעסטע מקובלים. אפילו אין די לעצטע צייט איז דאָ געשען אַ נס. אַ שווערע קויל האָט דורכגעלעכערט די וואַנט און די שול איז דאָך געבליבן גאַנץ. אין צפת קען מען נאָך היינט נישט פאָרן מיט קיין אויטאָ, צוליב די בערגלעך און די ענגע גאַסן. היינט איז אין צפת נאָך דאָ מקובלים, אָבער די מאָלער האָבן געמאַכט דאָרטן זייער היים און זייערע קונסט ביל־דער איז כדאי צו זען.

דריי אַראַבישע שכנים רינגלען אַרום דעם גליל: לבנון, סיריע און די ירדן מלוכה. דער ערגסטער שכן איז סיריע. דאָס האָט סיריע אַזוי גע־שטורעמט וואָס מען האָט אויסגעטריקנט דעם חולה־געגנט און איז היינט, אַנשטאָט אַ קללה, אַ ברכה פאַרן גאַנצן געגנט, סיריע אַריינגערעכנט. ווייל חולה שטייט ביים סירישן גרענעץ. פון חולה ביזן ים כנרת איז דער ירדן דער גרענעץ צווישן ישראל און סיריע.

דער ירדן פאַלט אַריין אין ים כנרת און פון כנרת גייט דער ירדן צו דרום, צום ים המלח. טבריה איז אַ שיינע דאַטשע שטאָט און פון גאַנצן לאַנד קומט מען קיין טבריה צו נעמען די הייסע בעדער. די האָטעלן זיינען שטענדיק פול און ס'קאָסט גאָרניט אַזוי ביליק דאָס אויפהאַלטן זיך אין טבריה. ס'איז אַ כלל גדול, וואו ס'קומען טוריסטן, שטייגן די פרייזן.

דער אַספּאַלטירטער וועג וואָס רינגלט אַרום דער גליל, ציט זיך ממש ביים גרענעץ פון לבנון. ווייסע שטיינער באַצייכענען אַז דאָס איז דער גרענעץ, אָבער קיינער היט ניט דעם גרענעץ. ס'איז נאָך אַ באַווייז, ווי שכנים וואָס ווילן זיך ניט קריגן, קענען לעבן בשלום אפילו אָן אַ גרע־נעץ וואַך. די בהמות וואָס פאַשען זיך אויפן שטח פון דער לבנון רעפּובליק, ווייסן ניט פון גרענעצן. גייט אַריבער אַ קו, אַ שעפּס אויף דער ישראל־טעריטאָריע און קיינער טרייבט איר נישט צוריק. אויפן גאַנצן גרענעץ שטח איז נישט צו טרעפן אפילו קיין פּאַטרול, נישט פון דער זייט און נישט פון צווייטן זייט. קיינעם וואָלט גאָרנישט געקענט איינפאַלן אַז דאָ איז אַ גרענעץ. אויב די אַראַבער וועלן נישט מאַכן קיין אָנפאַלן, קען דאָ זיין רואיק פאַר אַלע צייטן.

פאָרנדיק אין גליל, „מוז" דער טוריסט באַזוכן נצרת. דאָ איז די וויגעלע פון קריסטנטום. דער „פירער", אַן אַראַבישער קריסט, פירט אין קירכעס און אין היילן. אין איין הייל, זאָגט דער „פירער". האָט געלעבט די משפחה פון יוסף דעם סטאָליער. ער ווייזט אפילו אָן דעם פּלאַץ וואו ס'איז געשטאַנען דער סטאָליער וואַרשטאַט וואו יוסף און ישו האָבן גע־

הובלעוועט בר̣עטער אָדער געמאַכט טישן. ס'לאָזט זיך אפילו ניט גלויבן אַז אין יעזוסעס צייטן זאָלן די יידן אין נצרת האָבן געוואוינט אין היילן. און ניט אין קיין הייזער. שטיינער איז דאָ נענוג, איז צו וואָס האָט מען געדאַרפֿט לעבן אין פֿינסטערע היילן אַז מען האָט געקענט לעבן אויף דער ערד און ניט אין דער ערד, אויסגעשטעלט אויף פּאַרפּלייצונגען, און אַנדערע פּלאָגן? אגב זעט מען בײַ נצרת חורבות פֿון גאָר אַלטע געביידעס, אַ באַווייז אַז מענטשן האָבן געלעבט אין הייזער, נישט אין קיין היילן וואו מען האָט געדאַרפֿט אַריינקריכן ממש אויף אַלע פֿיר, נאָר אויף אַ מעשה דאַרף מען ניט פֿרעגן קיין קשיות.

מען ווייזט אויך דעם ברונעם פֿון וואַנען מרים־מאַריע האָט געשעפּט וואַסער צו קאָכן וועטשערע. ביים ברונעם זאָל זיך האָבן באַוויזן צו איר אַ מלאך און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה. היינט איז דער ברונעם מאָדערניזירט, פֿון אַ קראַן קומט אַרויס די וואַסער, אָבער דער ריכטיקער קוואַל געפֿינט זיך גאָר אין אַ קירכע. אַ האַלב פֿינסטערער קלויסטער, אומהיימיש און טרויעריק אפילו פֿאַר אַ קירך, ספּעציעל אַ קירך אין אַזאַ פּלאַץ ווי נצרת. דער שמש פֿון קירך ציט זיין אָרעמע חיונה פֿון פֿאַרקויפֿן פֿלעשלעך וואַסער פֿונעם קוואַל, וואו מאַריע זאָל האָבן געשעפּט וואַסער. אַ גאַנץ אָרעמע פּרנסה, דאָס פֿאַרקויפֿן די וואַסער, ווייל קיין סך קונים האָט נעבעך נישט דער משגיח פֿון קוואַל.

די קירכעס אין הויף לאַרץ בלענדן פֿון גלאַנץ און רייכקייט. די קירכעס אין נצרת זיינען גאַנץ באַשיידענע. אינעם פֿאָדערהויז פֿון דער גרעסטער קירך פֿאַרקויפֿט מען קריסטלעכע חפֿצים, צלמים, פֿינגערלעך א״אַ זאַכן. דאָרט איז שוין דאָ אַ סך קונים. ס'איז אַ רייכע קראָם וואָס מאַכט גוטע געשעפֿטן. דער וואַטיקאַן האָט זיך אַרומגעזען אַז אין אַזאַ פּלאַץ ווי נצרת האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען עפּעס אַ לייטישער קאַטעדראַל, בויט מען טאַקע איצט אַ בנין וואָס וועט זיין פּאַסיק פֿאַר נצרת.

נצרת איז אַן אַראַבישע שטאָט, און ס'איז ניט צו באַמערקן אַז די אַראַבער זאָלן בענקען נאָך זייערע לאַנדסלייט וואָס האָבן, בעת דער באַפֿרייאונגס קריג, אַנטלאָפֿן אין די אַראַבישע מדינות. ווען זיי שעמען זיך ניט וואָלטן זיי געוועזן גאָר גוטע ישראל בירגער, ווייל די יידישע מדינה האָט פֿאַרוואַנדלט נצרת אין גאָר אַ פֿיין שטעטל. ס'בויט זיך דערביי אַ נייער קוואַרטאַל פֿאַר די נייע עולים. נצרת וועט מיט דער צייט ווערן אַ וויכטיקער צענטער פֿון אינדוסטריע.

ביי נצרת געפֿינען זיך אַ צאָל אַראַבישע דערפֿער. די אַראַבער לעבן רואיק און צופֿרידן, ווען ניט די אויפֿהעצער, ווען ניט די מורא וואָס די אַראַבער האָבן, נישט פֿאַר ישראל, נאָר פֿאַר זייערע אייגענע, וואָס קענען זיי נאָך באַשולדיקן אין לאָיאַליטעט צו דער יידישער מדינה, וואָלטן די

אראבער געווען העכסט צופרידן מיט זייער מצב, וועלכער איז טויזנט מאל בעסער, ווי פון זייערע לאנדסלייט אין סיריע למשל. די רעגירונג טוט פאר די אראבישע בירגער דאס זעלבע וואס פאר די יידישע בירגער. די אראבער האבן שולן פאר קינדער, גענוג וואסער, מעדיצינישע באהאנד־לונג. זיי לעבן בשום אופן ניט ערגער ווי דער יידישער בירגער. דער אונ־טערשיד פון דעם בעדואינער ביי באר שבע ביז די אראבער פון גליל איז ווי פון טאג צו נאכט. ס׳איז דערפאר ווייל דער אראבער פון גליל איז מער ארבעטזאם און מער פראקטיש. דער בעדואינער וויל בשום אופן נישט אויפגעבן זיין טראדיציע פון אפגעלאזנקייט, פון לעבן אין שמוץ און שלאפן, מיטן קעמל.

מען פארט דורך מירון. דא איז א היסטארישער פלאץ, לויט דער לעגענדע־געשיכטע האט דא געלעבט ר׳ שמעון בר יוחאי. מען ווייזט אויך זיין קבר, און אויך דעם קבר פון זיין זון ר׳ אליעזר. דערביי איז דא א ישיבה. קיין צו גוטן איינדרוק מאכט ניט מירון. ס׳איז אריענטאליש־מעסיק און אויב ס׳איז טאקע אמת אז דארט איז א היסטארישער פלאץ, האט עס געמעגט זיין ריינער, ליכטיקער. גלאט אויפזוכן היסטארישע פלע־צער כדי מען זאל קענען נעמען נדבות ביי טוריסטן איז ניט אזוי פאסיק. מעןווארט אפ דעם טוריסט מיט א קבלה ביכל אין האנט און מען גיט א קבלה, פאר דער באקומענער נדבה. ביים ארויסגיין שטייט א צווייטער וואס דערקלערט, אז אט יענער א, וואס האט באקומען די פאר טאלער, איז ניט דער ריכטיקער נעמער. דער אמתער נעמער, און דער ריכטיקער קבלה ביכל איז גאר ביי אים. ס׳איז דא א סך זון אין ישראל, איז דעריבער מסתמא נייטיק אז ס׳זאל זיין שאטן.

אין די תפוצות דענקט מען אז דער גליל איז פולשטענדיק באזעצט, און די איינציקע עקספאנסיע פון מדינת ישראל קען גאר זיין צום דרום, אין נגב. דער באזוכער אנטדעקט גאר, אז אין גליל איז נאך דא א סך ניט באזעצטער באדן. ס׳איז נאך דא פלאץ פאר דערפער און פאר שטעט, פאר בויען אונטערנעמונגען און פאבריקאציע בכלל. די שטעט אין מדינת ישראל מאכן דעם איינדרוק אז זיי זיינען שטארק באפעלקערט. דער טראנס־פארט איז שטענדיק איבערגעפולט. דאקעגן אבער די פראווינץ איז שיטער באפעלקערט. מדינת־ישראל האט נאך פלאץ לכל הפחות פאר נאך עטלעכע מיליאן יידן. אבער נישט אין די שטעט נאר אויפן לאנד, אין נייע ישובים וועלכע דארפן נאך אויפגעבויט ווערן.

די אראבישע בירגער לעבן עקאנאמיש א סך בעסער ווי אין אנדערע, אפילו אמעריקאנישע לענדער. טראץ דעם וואס זיי ארבעטן מיט ניט קיין גאנץ מאדערנע מכשירים. זייער אגריקולטור שטייט נאך אויף א גאנץ פרימיטיווער מדרגה, אין באצוג צו יידישע מושבות. [illegible] למשל האבן

די אראבער א סך באדן מיט אליוון ביימער (זתים) און פרוכט ביימער, ווי עפל, בארנעס, פלוימען א״א, זיינען דא זייער ווינציק. אויך אין די קבוצים געפינען זיך ווינציק פרוכט ביימער. עקספערטן האבן באוויזן אז דער פארשידנארטיקער באדן פון ישראל, איז צוגעפאסט פאר קולטיווירן פאר־שידענע פרוכטן וואס קומען אפילו פון ווייטן יאפאן. אזא עקספערט געפינט זיך אין פרדס חנה, וועלכער פראדוצירט „שתילים" פלאנצן, קולטיווירט פארשידענע ציטרוס פלאנצן, וועלכע ווערן פארקויפט צו פרדסנים, אייגנ־טימער פון אראנזש־פלאנטאציעס, צום קרן קימת און אנדערע.

וואס שייך סעדער, איז דער פרדס נאך היינט דאס בעסטע אנטוויקלטע פלאנטאציע און וואס גיט טאקע מער ריווח. אויסער דעם, אראמאטי־זירט דער פרדס די לופט ארום. אין קיין ווינקל אויף דער ערד שמעקט נישט אזוי דער פרדס ווי אין מדינת ישראל, וואס פראדוצירט א ספע־ציעלן קלאס אראנזשן און ציטרוס־פרוכט „אשכליות".

אויף דער פראגע צו א קאלאניסט, וואס איז זיין שטרעבונג, וואס וואלט ער געוואלט דערגרייכן, וואס איז זיין אמביציע, ענטפערט ער דעם באזוכער:

„מיין אמביציע איז: פארגרעסערן מיין פרדס אויף עטלעכע צענטליק דונאם מערער. דאן וואלט איך געוועז באזארגט אויפן גאנצן לעבן און נאך איבערלאזן א ירושה פאר מיינע קינדער. כ'האב געהאט א געלעגנהייט זיך איבערצוקלייבן אין שטאט, זיך דארטן גוט איינארדענען. אבער דער וואס האט געשמעקט דעם ריח פון פרדס, פון פעלד, קען שוין אין שטאט נים לעבן. קען זיך שוין נים צופאסן צו די שטאטישע פרנסות. מיר איז פיל ליבער צו ארבעטן שווער אין פרדס, ווי צו האבן א גרינג פרנסה אין שטאט.

— 14 —

שפּראַך און קולטור

אין די תפוצות ווערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידיש ווערט ליקווי־דירט אין מדינת־ישראל, און דאָס איז בפירוש ניט ריכטיק.

ס'איז פאַרשטענדלעך אַז ישראל, זוכט מיט אַלע כוחות צונויפבינדן דאָס פאָלק מיט העברעאיש. אָבער אין קיין לאַנד אויף דער וועלט ווערט אַזוי פיל ניט גערעדט יידיש, ווי היינט אין מדינת־ישראל.

ווען די פרומע און די עקסטרעם פרומע פון מאה שערים אין ירושלים, איז אפילו איבעריק צו ריידן, עקסטרעמיסטן אין ירושלים האַלטן אַז העב־רעאיש פירט צו שמד, און ארויסריידן אַן העברעאיש וואָרט איז נאָך ער־גער ווי אַ ייד זאָל זיך, חלילה, איבערצלמען. נאָר אויך אין די גרויסע שטעט, אין די קבוצים און דערפער, קען זיך יעדער טוריסט פאַרשטענדיקן אין יידיש. אַ רעדאַקטאָר פון איין יידישער צייטונג אין תל־אביב פאַרזיכערט, אַז דער פרייטיק נומער פון זיין צייטונג, ווערט ארויסגעגעבן אין דרייסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן. און דאָס איז נאָר איין צייטונג, אין מדינת ישראל גייען ארויס עטלעכע צייטונגען אין יידיש. און טעאַטער אויף יידיש, פאַר־זאַמלונגען פון לאַנדסלייט וואו ס'ווערט גערעדט נאָר יידיש. הלוואי, וואָלט יידיש געהאַט אַזאַ גוטע מערכה אין אַנדערע „יידישע" לענדער.

אויך די יוגנט, די צאַברעס, געבוירענע אָדער דערצויגענע אין ישראל קענען יידיש; אַ סך מער יידיש ווי דער געבוירענער אין קאַנאַדע אָדער אין בוענאָס איירעס. אָבער די אומגאַנגס שפּראַך איז העברעאיש פּונקט ווי אין פּערו איז שפּאַניש און אין פראַנקרייך פראַנצויזיש.

אין ישראל גייען ארויס אַ סך צייטונגען, פרימאָרגנדיקע און פאַרנאַכ־טיקע, און די ישראלים זיינען גוטע צייטונגס־קאָנסומענטן. מען לייענט ציי־טונגען. אמת איז אַז ס'איז זעלטן צו זען אַז איינער זאָל לייענען בפרהסיה אַ יידישע צייטונג. אין אויטאָבוס, אין גאַס, אין קאַפע, זעט מען אַז דער עולם

לייענט א העברעאישע צייטונג. דאך קען מען אין יעדער צייטונגס־קיאָסק באַקומען א יידישע צייטונג, וועלכע מען לייענט געוויס אין דער היים.

ס'ווערן אַרויסגעגעבן א סך ביכער אין יידיש, און ס'זענען דאָ גענוג קאָנסומענטן אין ישראל אויף א יידיש בוך. אָבער דאָס בוך אין העברעאיש איז נאַטירלעך א גרויסער קאָנקורענט. אין אַלע שטעט געפינען זיך גרויסע בוכהאַנדלונגען. דאָס בוך ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ מער פּאָפּולער ביים עולם, ס'ווערן אַרויסגעגעבן א סך ביכער פונעם קלאַס טאַשן־ביבליאָטעק, אָריגינעלע און גאָר א סך איבערזעצונגען. דער העברעאישער פאַרלאַג זוכט מיט אַלע מיטלען צוצוקומען צו א וואָס גרעסערע צאָל לייענער, זוכט צו־פרידן שטעלן דעם לייענערס געשמאַק. ס'ווערן אַרויסגעגעבן ערנסטע ביכער. אָבער ס'ווערט אויך אַרויסגעגעבן דעטעקטיוו־מעשיות. וויל איינער לייענען דווקא א דעטעקטיוו־מעשה פול מיט מיסטעריע, געפינט ער עס לייכט אויפן ביכער מאַרק, און צו א צוגענגלעכן פּרייז.

במעט אַלע „בעסט־סעלערס" (די ביכער וואָס ווערן פּאָפּולער ביים עולם) ווערן איבערזעצט אין העברעאיש. דאָס אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך, איז באמת א גרויסער נס. ספּעציעל דאָס אויסגעפינען נייע טערמינען פאַר די מאָדערנע אויסדרוקן וואָס זיינען אין די אַלטע צייטן ניט געווען ווי למשל, א מעניו, א קינאָ בילד, בלוטיקן, סאָדע וואַסער, טוריזם א"ו, א סך ווערטער, ווערן פאַראיינפאַכט. אין חדר האָט מען געלערנט: „יין" איז וויין און „שכר" איז ביר. די ישראלים זאָגן נישט „שכר" אויף ביר, נאָר פשוט „בירה". דאָס ערשטע וואָס אַן אימיגראַנט אָדער א טוריסט דאַרף קענען איז „וויפל קאָסט עס", אין ענגליש, „האַו מאַטש", אין שפּאַניש, „קע פּרעסיאָ", „קואַנטאָ וואַלע". אין העברעאיש האָבן זיי עס איבערזעצט אויף „בכמה זה עולה".

די ראַדיאָ איז העברעאיזירט, דאָך קען מען הערן לידער געזונגען אין ענגליש, יידיש, און אין אַראַביש. פון די שכנותדיקע לענדער הערט מען אין ראַדיאָ די אַראַבישע פּראָגראַמען. בכלל איז שווער צו זאָגן אַז דער דורכשניטלעכער בירגער איז א סופּער קולטור־מענטש. מען לייענט א סך. אין אַלע הייזער זיינען דאָ ביבליאָטעקן, אין עטלעכע זיינען דאָ ריזיקע ביבליאָטעק ממש. אָבער דער יונגער דור איז אַנטשפּאַנט געוואָרן פון דער גלותדיקער סופּער קולטור, אַז מען מוז קענען אַלץ. דער יונגער דור לייענט, אָבער ער לייענט זיך ניט צופיל איבער. ס'איז א נאָרמאַלע דער שיינונג ביי א נאָרמאַלער יוגנט, וואָס דאַרף קיינעם ניט אימפּאָנירן און קיינעם ניט איבערשטייגן. וואָס עס אינטערעסירט דער יוגנט איז, ביכער פון טעכניק, וועגן פאַך־קענטעניש. די יוגנט וואָס דינט אין דער אַרמיי — און אין דער אַרמיי דינען אַלע — ווערט אויסער מיליטער אויסשולונג, אויך צוגעגרייט צום לעבן, מיט אויסלערנען א פאַך, — אויב דער סאָלדאַט

אָדער סאָלדאַטקע האָט ניט קיין פּראָפעסיע. ארויסקומענדיק פון מיליטער איז דער יונגנטלעכער, בחור אָדער מיידל, נישט נאָר מיליטעריש אויסגע־שולט, נאָר אויך פּראָפעסיאָנעל, און דאָס איז שוין אַן ענין וואָס איז כדאי צו אימיטירן אין אַנדערע לענדער.

ביי פיר־פינף טעאַטערס שפּילן אין יידיש, פאַר געפּאַקטע זאַלן. דער יידישער שרייבער פּאַראַיין אָרדנט איין, גאַנץ אָפט, קולטור אָוונטן, אויפ־נאַמעס פאַר געסט א"א צוזאַמענקונפטן. זיכער איז אַז אין די רעגירונגס־קרייזן און אין די העברעאישע קולטור אָנפירערשאַפטן איז מען ניט אַזוי שטאַרק צופרידן פון דער עקספּאַנסיע פון יידיש אין מדינת ישראל. אין אָט די דערמאָנטע קרייזן, האָט מען אין זינען אַז פינף און פערציק פּראָצענט יידישע בירגער, קומען פון לענדער וועלכע האָבן באַנוצט אַנדערע שפּראַכן, ניט קיין יידיש, און ס'איז דער ווילן אויסצושמידן אַן איינהייטלעכע פאָלק פון אַלע יידן. אָבער ס'איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק צו באַשולדיקן די רעגירונג פון ישראל אין רודפן יידיש. וואָס ווייטער וועט מסתמא יידיש פאַרלירן אירע געטרייע קאָנסומענטן אין מדינת־ישראל, אָבער היינט צום טאָג האָט יידיש אין ישראל אַ וואַרעמע היים, אפשר די איינציקע וואַרעמע היים אין דער וועלט. מען קען באַנוצן יידיש אין גאַס, אין אַ רעגירונגס אינסטיטו־ציע, אויפן אויטאָבוס, אין באַנק און אין רעסטאָראַן. סיידן מער טרעפט אַן אויף אַ ספרדישן יידן, איז פאַרשטענדלעך אַז דער ספרדי קען ניט קיין יידיש.

אין די גאָר געהויבענע קולטור אינסטאַנצן, איז מען ניט שטאַרק צו־פרידן מיט דער טראַנספאָרמאַציע פון דעם היינטיקן גערעדטן העברעאיש, וואָס איז אָפטמאָל אין סתירה צו דער אַנגענומענער גראַמאַטיק, אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער ווי אַלע שפּראַך אַקאַדעמיעס.

אויף אַ פראַגע צו אַ ישראלי, ווי האַלט עס מיט יידיש אין מדינת־ישראל, ענטפערט דער געפרעגטער, מיט אַ ביסל רוגזה:

„זאָרגט זיך בעסער פאַר יידיש לשון ביי אייך אין די גלות לענדער. איך פאַרזיכער אייך, אַז ביי אונדז וועט געדרייען יידיש אַזוי לאַנג ווי ביי אייך. כל זמן איר, אין גלות, וועט רייד יידיש, וועט אין מדינת ישראל יידיש נישט ליקווידירט ווערן. יידיש וועט אונטערגיין אין מדינת ישראל, ניט צוליב אונדז, נאָר דווקא דערפאַר ווייל איר אין די תפוצות וועט אויפ־הערן צו באַנוצן זיך מיט אונדזער פאָלקס לשון".

— 15 —

ווידער אַמאָל ירושלים

אַרויספאָרנדיק פון ירושלים, ווערט עפּעס ווי פּוסט אין האַרצן. אָט איז מען געווען אין דער אַלטער, אייביקער ירושלים און דוכט זיך, גאָרניט געזען, אין בעסטן פאַל ניט גענוג געזען. ס'ציט דאָס האַרץ צו ירושלים, איר זען נאָכאַמאָל, ווידער אַרומוואַנדערן איבער אירע גאַסן און געסלעך אין אָנשעפּן זיך, אָטעמען מער מיט דער ירושלים לופט.

פאָרט מען נאָך אַמאָל קיין ירושלים. דער אויסרייד איז, אַז מען פאָרט זען דעם מיליטערישן פּאַראַד פון יום עצמאות. אָבער טיף אין האַרצן פילט מען אַז ניט דער פּאַראַד איז דער צוציאונגס־כוח, נאָר פּשוט: נאָך אַמאָל אָנקוקן ירושלים.

דער פּאַראַד איז „ווי אַלע מיליטערישע פּאַראַדן", מיט דער דיפערענץ, וואָס אָט די אַלע סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס זיינען יידישע. דאָס זיינען די משהלעך און שלמהלעך, די מלכהס און די שרהס. געוויס שעפּן יידן נחת צוזעענדיק ווי די יידישע אַרמיי, קען די מיליטערישע תורה ניט ערגער חלילה, ווי אין אַנדערע לענדער. זיי גייען שטראַם אין טאַקט. ס'פאָרן פאַרביי אַלערליי קאַנאָנען, ס'רוישן די שווערע און לייכטע טאַנקען. ס'איז אַ וואונק צו די ווערלכע חלומען פון נאָך אַ רונדע, אַז ס'קען ווידער זיין אַ וויסטע מפּלה. קיין אַעראָפּלאַנען קענען אין ירושלים נישט אַרומפליען, אַז וואו מען גיט זיך אַ קער, שטייט מען ביים גרענעץ. די ישראלים וויצלען זיך אַז אין ירושלים האָט מען אָפּגעשאַפט דעם מנהג, אויסצוגיין די דריי טריט נאָך שמונה עשרה, כדי מען זאָל נישט, אַזוי נישט אומקוקנדיק זיך, אַריבערשפּאַנען דעם גרענעץ. דערפאַר פליט איבערן פּאַראַד אַ העליקאָפּטער, וואָס דאַרף גאַנץ געשיקט מאַנעווורירן, כדי נישט אַריבערפליען דעם גרענעץ.

ס'זיצן אויף די אויסגעבויטע עסטראַדעס ביי אַ פערטל מיליאָן מענטשן,

וואָס קוקן זיך צו, צום פּאַראַד. אָבער טראָץ אַלע מאַרד מאַשינען וואָס מען זעט, בלייבט דער איינדרוק אַז ס'איז אַ פרידלעכער פּאַראַד. ס'איז אַן אַפּווער אַרמיי, ניט קיין אַרמיי מיט פּאַרכאַפּעריש צילן. ס'איז אַ פֿאָלקס אַרמיי וואָס איז גרייט אויף אַלע קרבנות כּדי צו שיצן זייער שטיקל לאַנד. נאָר פאַרביסענע שונאים ווילן שאַפן דעם איינדרוק, אַז אָט כאַפּט די אַרמיי זיך אַריבער דעם גרענעץ, און אָקופּירט קאַירא. זאָל נאָר קאַירא לאָזן צורו ירושלים, און ירושלים וועט פאַרגעסן אַלע נגישות און אויסשטרעקן אַ האַנט פון שלום.

ירושלים האָט אַ באַזונדערן חן, וואָס קען ניט צוגעגליכן ווערן צו קיין אַנדער שטאָט אין דער וועלט. פּאַריז און לאָנדאָן קען מען באַוואונדערן, ירושלים מוז מען ליב האָבן. מען פילט אַז מען גייט אויף אַ באָדן וואָס איז אַנדעריש, וואָס איז הייליקער ווי וועלכער ס'איז שטח אין דער וועלט.

פון אָט דער שטאָט האָט אַ פֿאָלק געצויגן איר חיות פאַר אַ משך פון לאַנגע דורות. מען האָט געלעבט אין באַגדאַד און אין סטאַקלישאַק, און דעם פּנים האָט מען געווענדעט צו ירושלים. מען האָט געוואוינט אין גרויסע, רייכע, פּריילעכע שטעט און דאָס האַרץ האָט געצויגן קיין ירושלים, צו אירע שטיינער און חורבות. דער רייזנדער וואָס קומט קיין מדינת־ישראל גייט, איילט, אין תל־אביב און אין חיפה. אין ירושלים אָבער, פאַר־לאַנגזאַמט ער זיינע טריט און גייט אַרום ווי אין חלום.

און זאָל דער לייענער מוחל זיין וואָס דער עולה־לרגלניק קען זיך ניט באַפרייען פונעם צויבער פון ירושלים און איז געפאַנגען געוואָרן פון דער ירושלימער אַטמאָספער און קען זיך ניט אָפּרייסן פון ירושלים. דער באַ־זוכער האַלט אין איין דענקען: „איך געפין זיך דאָך אין ירושלים", „מיינע פיס טרעטן אויף דער ערד פון ירושלים". ס'איז נאַכט און דער הימל איז אויסגעשטערנט. איצט איז אויך נאַכט אין תל־אביב, אין פּאַריז און אין בריסעל, אָבער די נאַכט אין ירושלים, דער הימל, די שטערן, די פינס־טערניש איז אַנדערש. דאָ איז עס איינגעוויקלט אין אַ טיפער מיסטעריע, דאָ, אין ירושלים, קען געשען דאָס אומדערוואַרטע, אויב דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן און די פּמליה של מעלה וועט אַראָפּנידערן צו מאַכן אַ באַזוך אין ירושלים, וועט עס ניט זיין אומגעוויינלעך. אין ירושלים קען עס פּאַסירן און ס'וואָלט געווען אַ נאַרמאַלע דערשיינונג.

ס'קערן זיך טריט אין דער נאַכט. קען עס דען ניט זיין משיח וואָס קומט אַרויס פון דער פינסטערניש אויסצולייזן די אייביקע שטאָט? אָדער די סנהדריה, וועמענס בית הקברות געפינט זיך אָט דאָ נישט ווייט, איז אַרויסגעקומען פון די אויסגעראַבירטע „כוכים" (אויסגעהאַקטע קברים אין פעלדז) און איילט זיך, צו זיין פון די ערשטע „טובלי שחרית" (אַ סעקטע

וואָס פלעגן זיך טובלען אַלע פרימאָרגן). און איצט אינעם חושך: וואָס איז ירושלים, אַ שטאָט אָדער אַן אידייע, אַ חלום אָדער אַ ווירקלעכקייט? און דיביימער, זיינען עס טאַקע ביימער, פלאַנצן, אָדער זיינען עס נביאים וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ביימער, כדי אייביק צו פאַרבלייבן אין זייער באַליבטער שטאָט?

ירושלים איז פאַרזונקען אין שלאָף. אָבער עמעץ, וואַכט אין ירושלים. מען פילט אַז אימעצער וואַכט אויף דער שלאָפנדיקער שטאָט. „איך בין פאַרזונקען אין שלאָף און מיין האַרץ איז וואַך" האָט געזונגען דער מלך פון ירושלים. נאָר אין ירושלים קען מען עס פאַרשטיין, באַגרייפן, פילן. אין פרימאָרגן גייט אויף די זון אין ירושלים. צוערשט אין ירושלים. און דאַן באַלייכט די ירושלימער זון די ערד און אירע איינוואוינער.

אָט דאָ, אויף די סטעזשקעס זיינען עס געגאַנגען די שיינע, באַצויבערנדיקע טעכטער פון ירושלים, געקליידט מיט די מאָדערנסטע מלבושים פון יענער צייט, מיט ספּעציעלע שיך וואָס האָבן געהאַט רייצנדע קנאַפּל. פרייּלעכע און זאָרגלאָזע האָבן זיי שפּאַצירט צווישן גערטנער און פּרדסים. זיי איז אָנטקעגן געקומען דער בייזער אַסקעטישער נביא, און אים האָט זיך געדוכט אַז ס'איז פּריצות, פאַרשייטקייט, האָט ער געצאָרנט און געמוסרט, געוואָרנט און געשטראָפט, מיט אַ הייזעריקע שטימע האָט ער גערופן „ווייל די טעכטער פון ציון זיינען האָפערדיק, און גייען פאַריסן דעם האַלדז, און ווינקנדיק מיט די אויגן; גייען שוועבנדיק גייען זיי, און מיט זייערע פוסרינגען קלינגען זיי". (ישעיה ג' יהואש איבערזעצונג). ווען איז עס געשען? מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, אָדער אָט נאָר וואָס ווען די „חן" (חיל נשים, מיליטערישע פרויען אָפּטיילונגען) האָט אַזוי בראַוו מאַרשירט אונטער די טוזיק קלאַנגען, און דאָרטן אויפן בערגל איז געשטאַנען אַ באַשטריימלטער נטורי־קרתאניק און געצאָרנט, און געוואָרפן האַרבע ווערטער צו די מאַרשירנדיקע, געהויבן די פויסטן און געשפריצט מיט שטראָף רייד?

די טעכטער פון ירושלים, זיינען זיי נישט באַרעכטיקט צו פרייד, צו לעבנסלוסט, צו שמחת החיים? וואָס האָט ער געוואָלט דער בייזער נביא? נאָר די טעכטער פון ארם און אשור מעגן געניסן פון זייער יוגנט, נאָר יענע מעגן זיך באַצירן מיט „פוסרינגען און שטערנבענדער, לבנהלעך, סמיעות, פינגערלעך, נאָז־רינגען, פאַרטוכער, מאַנטלען, איבערדעקן, בייטלען, טולן, ליינענע טיכער, הויבן, דעקטיכער" (ישעיה ג' יהואש איבערזעצונג) און די טעכטער פון ציון זאָלן גיין אָפּגעלאָזן, שמוציק, פאַרזאָרגטע און פאַרטרויערטע? פאַרוואָס? און היינט, די טעכטער פון ציון, וואָס איז זייער זינד, וואָס פאַר דעם זאָל דער באַשטריימלטער בייזער ייד זיי שטראָפן? זיי האָבן פאַרלאָזן היימען, קרובים, חתנים, און זיינען אַוועק אין טוכלע קאַ־

זארמעס כדי זיך צוגרייטן צום באַשיצן זייער לאַנד. כדי אָפּצוגעבן, ווען נייטיק זייער יונגן צאַרטן לעבן פאַר דער זיכערקייט פון די קבוצים און די מושבות. נישט רעכט האָט דאַן געהאַנדלט דער בייזער נביא און אומ־גערעכט איז זיין הייַנטיקער נאָכפאָלגער. יעדעס פאָלק מעג שטאָלצירן מיט אַזעלכע טעכטער און זין. וואויל איז צו מדינת ישראל וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט אַ געזונטע בראַווע און קאַמפּספּעאיקע יוגנט, וואו די פרוי זיצט ניט ביים שפּינדל און שפּינט וואל אויף זאָקן, נאָר איז אַ מיט־באַטייליקטע אינעם אויפבוי און פאַרטיידיקונג פון לאַנד.

פאַרנאַכט אין ירושלים. מיידלעך, יונגע צאַרטע טעכטער פון ירושלים, זינגען, שפּילן זיך, טאַנצן. אַ געוויינלעך בילד וואָס מען קען זען אין יעדן שטעטל, אין יעדן פּונקט אויף דער ערד. אָבער דאָ, אין ירושלים האָט עס אַ גאַנץ אַנדער חן. ס׳דוכט אַז פון די פענסטער קוקן אַרויס מאַמעס, ניט נאָר די היינטיקע מאַמעס פון די קינדער נאָר די אימהות. אָט יענע עלטערע פרוי מיטן שווארצן שאַל אויפן קאָפּ זעט אויס ווי די מאַמע לאה. און אָט פון יענעם באַלקאָן די יונגע וואונדערבאַר־שיינע פרוי מיטן שווארצן שייטל, איז עס ניט די מוטער רבקה?

אַ הויכער באַשטריימלטער ייד פרעגט דעם באַזוכער: „איר וואָס קומט פון אַ ווייטן לאַנד, פילט איר די קדושה אין ירושלים? פילט איר די „כנפי השכינה" (די פליגלען פון דער שכינה) אין ירושלים? ווייל די גמרא זאָגט אַז וואו יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן איז די שכינה מיטגע־גאַנגען מיט זיי. ווען מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון אַלט ירושלים, דאָ אין דער נייער שטאָט, איז די שכינה מיטגעגאַנגען מיט אונדז. פילט איר די שיינקייט, ניט די מאַטעריעלע נאָר די גייסטיקע שיינקייט פון ירו־שלים, דעם „תפארת שבהוד" אין אָט דער שטאָט, וואָס דער האר פון אַלע וועלטן, דער רבונו של עולם, און דער אב הרחמן פון יידישן פאָלק האָט אויסגעקליבן פאַר זיין וואוינונג, כביכול, פילט איר עס?"

און ס׳ענטפערט דער עולה לרגלניק: איך פיל עס, ר׳ ייד, און כ׳בין זיך מודה אַז איך באַגיי אַ זינד פון קינאה. איך בין אייך מקנא וואָס איר האָט זוכה געווען צו וואוינען אין דער עיר הקודש. און גלייכצייטיק גיב איך אָפּ אַ לויב און אַ שבח צום אויבערשטן, וואָס האָט מיר מזכה געווען מיט דעם גרויסן זכות צו גיין אויף דער ערד פון ירושלים. זאָל זי אייב־ניכן אויפגעבויט ווערן אויף אייביק.

— 16 —

לאַנדסלייט

צוגלייך מיט דער תפילה „ותחזנה עינינו". זאָלן נאָך אונדזערע אויגן זען ווען די שכינה וועט זיך צוריקקערן קיין ירושלים, ירושלים זאָל זיך צוריקקערן צום יידישן פאָלק, האָבן יידן במשך פון קרוב צוויי טויזנט יאָר אויך מתפלל געווען „וקבץ נדחינו" אז דער אלמעכטיקער זאָל צונויפזאמלען אונדזער פארשטויסן, צעשפרייט פאָלק, קיין ארץ ישראל.

א טייל ירושלים האָט זיך צוריקגעקערט צום פאָלק ישראל און א טייל פון פאָלק ישראל האָט זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל. די יידישע מדינה האָט, ווי א געטרייע מאמע, געעפנט אירע אָרעמס און נעמט אויף אירע קינדער וואָס קומען „מארבע כנפות הארץ" פון די פיר ווינקלען פון דער ערד.

פון קרוב הונדערט לענדער זיינען געקומען די היינטיקע בירגער פון לאנד. מיט צענטליקער לשונות אין זייערע מיילער, דער קאָליר פון זייערע הויט איז פארשידן, טונקעלע פון תימן און גאָר העלע פון דער פארשאָלטענער געראמאניע, בלוי אויגיקע פון פוילן, און שווארץ־אויגיקע פון איראַק, תלמידי חכמים פון ליטע און עם הארצים פון אינדיע. פון אלע גלותן זיינען זיי צונויפגעלאָפן כדי צוזאמען צו שאפן דאָס אלט־נייע יידישע פאָלק פון ישראל.

דער באַזוכער וואָס שטאמט פון ליטע און איז היינט א בירגער פון לאַטיין־אמעריקע שפּאַנט איבער די גאַסן פון תל־אביב, און זוכט זיינע אמאָליקע לאַנדסלייט. געווען ערגעץ אמאָל א קהילה קדושה אין ליטע ביי די ברעגן פון ניעמאַן טייך. די קהילה איז אומגעקומען אין בלוט־מבול, אָבער אימעצער האָט זיך דאָך געמוזט ראַטעווען.

א שבת צו נאַכט. אין א „מועדון" (א קלוב) האָבן זיך צונויפגעקליבן די שארית החורבן פון יענער הייליקער קהילה וואָס איז אומגעקומען על קדוש השם. דאָס זיינען די לאַנדסלייט וועלכע זיינען געקומען קיין מדינת ישראל

פון די סיבירישע סטעפּעס און פון די קאַווקאַזישע מדבריות, פון קאָנצענ־טראַציע לאַגערן און פון טרעבלינקע. ווײ, ווײ, ווי ווינציק זיי זיינען. עפּעס אַ פּאָר צענטליק פון פיר באַזונדערע קהילות. מען זעצט זיך אַרום אַ טיש און ס׳ווערט שטיל. ס׳דוכט זיך אַז די אומגעקומענע פון יענע קהילות, זייערע נשמות, געפינען זיך איצט אין זאַל, צוזאַמען מיט די געציילטע לעבן געבליבענע.

און דער ראש פון די לאַנדסלייט הויבט אָן פאָרצושטעלן: דער איז זלמן גרשונס, דער צווייטער איז משה מיכאלס, דער דריטער איז יעקב ישראלס און די פרוי איז בערל דעם שמידס. און ס׳שווימען, ס׳טויכן אויף אין האַלב־חושך פון זאַל די פּנימער פון די טאַטעס און זיידעס. פּנימער פון האָרעפּאַשניקעס, צוקנייטשטע געזיכטער פון בעלי־מלאכות און קליין הענדלער, צעאַקערטע און צעקנייטשטע פּנימער פון ווינט, און הויכע שטערנס מיט טיפע ווינקלען פון יידישע תלמידי חכמים. מאַמעס מיט אַדערדיקע הענט פון פּראַצע, מיט אויגן פול מיט רחמים פאַר אייגענע און פרעמדע. זייער לעבן איז געווען איין שווערע קיים פון האָרעוואַניע, פון זאָרג, פון דחקות, פון מורא פאַרן מאָרגן, געלעבט האָבן זיי מיט איין אייג־ציקער האָפענונג, מיט דער מסורה פון טאַטן צו זון. פון מאַמע צו טאָכ־טער. „אַז משיח וועט קומען און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, און צוריקקומען אין אונדזער אייגן לאַנד".

אַזוי האָבן זיי געוואַרט דור צו דור, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, געוואַרט און געהאָפט, און משיח איז נישט געקומען. ס׳איז געקומען דער מחבל און האָט זיי אַלעמען אויסגעשאָכטן. נאָר עטלעכע, ממש צוויי פון אַ משפּחה האָבן זיך באַצייטנס, אָדער שפּעטער געראַטעוועט, און געקומען אין אייגן לאַנד אַריין. ווי זייערע טאַטעס און זיידעס אַמאָל אין יענע ליט־ווישע שטעטלעך, זיינען איצט די קינדער און אייניקלעך מענטשן פון אַר־בעט. ניטאָ צווישן זיי קיין „פּקידים" (באַאַמטע) און קיין מיניסטאָרן, קיין עשירים און קיין אַריסטאָקראַטן. דאָ, אין מדינת ישראל, זיינען זיי אַרבע־טער און אַגריקולטאָרן, ביימער פלאַנצער און בינען־ציכטלער. אויך זייערע פּנימער זיינען צעאַקערט פון ווינטן און טרעבלינקע־רויכן. אָבער דאָ לעבן זיי גליקלעך, אָן מורא פאַרן מאָרגן און מיט גרויס בטחון אַז זייערע קינדער וועלן מער ניט וויסן פון קיין שרעק און ליידן פון עמיגראַציע.

זיי, די לאַנדסלייט, קוקן אין פּנים פון זייער גאַסט וואָס איז געקומען פון אַ וויטן לאַנד. דאָס איז זייער ברודער. זיי האָבן געקענט זיין טאַטן און זיין זיידן, די פעטערס מיט די מומעס; בשותפותדיקע זכרונות האָבן זיי אַלע, פון קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין די ליטווישע זאַמדן. דאָרטן זיינען געבליבן די קברים פון די זיידעס און עלטער־זיידעס. די הילצערנע

שטובן האָבן פרעמדע נעירשנט, אָבער דער גייסט פון די יידישע היימען, פון יידישער קרובהשאפט, האָבן זיי דאָ אריבערגעבראכט.

דער עבר איז ווייט, ווייט, געבליבן ערגעץ אין דער פרעמד. די היים, די ריכטיקע איינציקע היים איז דאָ. „דאָרטן" איז געווען אַ צייטווייליקע אכסניה. דאָ איז די שטענדיקע היים.

און דער ברודער־גאַסט רעדט צו זיינע געוועזענע לאַנדסלייט: כ'קוק אין אייערע פּנימער און איך דערקען אייך, כאָטש כ'האָב אייך קיינמאָל ניט געזען, אָדער געזען ווען איר זייט נאָך געווען קינדער. כ'זע אין אייך די שטריכן פון אייערע טאַטעס און מאַמעס, פון אייערע זיידעס און באָבעס, פון יענע וואונדערבאַרע יידן פון די שטעטלעך אין ליטע. כ'זע אייערע אַרבעטס־הענט און איך דערקען אין זיי די פאַרמאָזאָליעטע הענט פון אייערע אבות, אייער איינגעשפּאַרטקייט, אַז דאָ וועט אויפגעבויט ווערן די היים פון יידישן פאָלק, דערמאָנט אין דער עקשנות פון אונדזערע אבות, וועלכע האָבן אין דער פרעמד, אין פאַרוואָרפענע קליינע שטעטלעך, אין אַ ים פון ליטווישע מאַסן, איינגעהאַלטן זייער אידל, לומדישן, האָרעפּאַשנעם לעבן. אין אַ סביבה פון טומאה אָנגעהאַלטן זייער מסורהדיקע קדושה. די האָ־פענונג און דערוואַרטונג פון דורות איז קאָנצענטרירט אין אייך, און איר וועט דערפילן אייער חוב צום לאַנד און צום פאָלק, בשלימות.

עטלעכע פעלן דאָ היינט, צו דער מסיבה. איינער וואַכט ביים גרענעץ פון לאַנד, אַ צווייטער פאָרט אויף אַ שיף אויפן ים. אַ דריטער געפינט זיך אין נגב, און נאָך איינער האָט ניט געקענט קומען צוליב זיינע פליכטן אין דער קבוצה. גיט זיי איבער מיין גרוס און מיין ברכה.

מיטאַמאָל צערירן זיך אַלע, צעשמועסן זיך אויף אַ קול. מען פרעגט זיך אויס, מען וויל וויסן פון וואַנען, ווי אַזוי, אויף ווי לאַנג, און מען פרייט זיך איינער מיט צווייטן, מען דערמאָנט זיך די אַמאָליקע היים און ס'פינקלען טרערן אין די אויגן.

און דער ראש פון דער מסיבה ענטפערט: געבענטשט זאָל זיין דאָס לאַנד פון ישראל, וואָס דערמעגלעכט אַז ברידער זאָלן זיך טרעפן. מדינת ישראל איז היינט דער איינציקער טרעף־פּונקט פאַר אַלע יידן פון דער וועלט. מיר, די אָפּשטאַמיקע פון יענע לענדער, האַלטן זיך נאָך פאַר לאַנדסלייט. אונדזערע קינדער וועלן פון דעם ניט וויסן. זיי וועלן זיין קינדער פון דער מדינה, און וועלן מער ניט וויסן פון צוטיילונגען, פון ליטווישע און פּוילישע, פון רומענישע און אונגאַרישע. מיר זיינען דער לעצטער דור פון די גלותן. אונדזערע קינדער זיינען די ערשטע פון אַ נייעם שעפערישן דור, איינגעוואָרצלט אויף אייגענער ערד. זאָלן מיר אי־בערגעבן אונדזערע קינדער די גרויסע ירושה פון אונדזערע עלטערן, פון זייער מי און שעפערישקייט, פון זייערע האָפענונגען און זייערע ליידן.

און דיר, גאַסט אונדזערער, אין דיר באַגריסן מיר אַלע אונדזערע ברי־דער איבער די ימען. דו סימבאָליזירסט דעם טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס לעבט, דערווייל, ווייט פון אונדזער היים. אונדזער וואונטש איז אַז איר זאָלט זיך פאַראייניקן מיט אונדז, אין דער גרויסער הייליקער אויפגאַבע פון אויפבויען די היים, דאָס לאַנד פון פאָלק ישראל.

און איצט, ברודער אונדזערער, שווער, הויב אויף דיין האַנט און שווער, אַז דו וועסט אין גלות אויפהיטן אונדזער דורותדיקע ירושה, ווייטער ציען דעם אייביקן פאַדים פון אונדזער עקזיסטענץ, אין גלות, העלפן דער מדינה מיט אַלע דיינע כוחות. אויפציען דיינע קינדער אין ליבשאַפט צו אונדזער פאָלק און אין האַרציקער באַציאונג צו אונדז, ישראלים. אַריינגעבן אין ייערע הערצער אהבת ישראל און אָפּהיטן די טראַדיציעס פון אונדזער ידיש לעבן. שווער, ברודער אונדזערער, אַז די וועסט ניט פאַרגעסן אונ־דזער גלאָררייכן עבר און אַז דו וועסט מיטהעלפן אין דעם אויפקום פון אַ ליכטיקן עתיד פאַר אונדזער געפייניקט פאָלק, אָט דאָ אין לאַנד פון אונדזערע און דיינע אבות.

און דער גאַסט האָט געענטפערט:

— איך שווער.

— 17 —

געזעגענונג

„לכול עת", צו אַלץ קומט אַ צייט, האָט געזאָגט דער קלוגער מלך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. איז אַזוי אויך געקומען די צייט זיך געזעגענען מיט מדינת ישראל.

ניט אַלץ האָט געזען דער באַזוכער, ס'איז ניט מעגלעך צו זען אַלץ. פון אַלע שטעט און מושבים, האָט ער געזען נאָר עטלעכע, פון אַלץ וואָס איז כדאי צו זען, האָט ער נאָר באַזוכט געציילטע. כדי צו קענען זען און באַטראַכטן די מדינה, איר פּירונג, אירע מענטשן אין זייער גאַנצער פולפאַרביקייט, די קבוצים און דעם נגב, די טעאַטערס און די פאַרלאַגן, דאַרף אַ באַזוכער וואוינען אין ישראל מאָנאַטן לאַנג און אפילו דאַן וועט ער אַלץ נישט קענען זען.

אָבער מדינת ישראל דאַרף מען ניט נאָר זען, נאָר אויך פילן, פילן אין האַרצן אַז דאָס איז דאָס לאַנד נאָך וועלכער אַ פאָלק האָט געבענקט צוויי טויזנט יאָר. געזען מיט פּראַקטישע אויגן, איז דאָס לאַנד נישט די שענסטע אין דער וועלט. קליין איז דאָס לאַנד אַז איין שטאַט פון די מעקסיקאַנער שטאַטן, איז גרעסער ווי גאַנץ מדינת ישראל, און אפילו ס'איז דאָ אַ צוזאָג פון משה רבינו, אַז דאָס לאַנד איז פול מיט אייזן און קופּער, מיט אַלערליי מינעראַלן, און אַז דאָס יידישע לאַנד איז און וועט זיין אַ לאַנד וואו ס'רינט מילך און האָניק, איז עס נאָך ווייט, זייער ווייט פון דעם. די ישראלים וועלן נאָך דאַרפן לאַנגע יאָרן האָרעווען און זיך אַרויסשלאָגן פון די כוחות, ביז זיי וועלן אויפבויען דאָס פאַרוויסטע לאַנד און ס'זאָל זיך אַליין קענען באַשפּייזן אויף אַלע שטחים.

נאָר ניט פאַרגינער קענען מקנא זיין די יידן זייער שטיקל אָרעם לאַנד, און וואָלטן עס געוואָלט אַרויסרייסן פון יידישע הענט. איטאַליע איז פיל פיל פרוכטבאַרער ווי מדינת ישראל; פראַנקרייך איז רייכער און גערמאַניע האָט שענערע לאַנדשאַפטן; אפילו די פאַרנעפּלטע ענגלאַנד איז מאַטעריעל רייכער און אפילו באַקוועמער ווי דאָס אָרעמע לאַנד פון ישראל.

דאָס איז אַלץ אין מאַטעריעלן זין, אָבער דאָס לאַנד האָט אַזאַ מיסטישן כוח, אַזאַ צוציאונגס־קראַפט אַז די יידן וועלן נישט ביטן זייער פּאַרוויסט לאַנד, אפילו אויף די שענסטע רייכסטע לענדער פון דער וועלט. די יש־ראלים ווילן בעסער פּאָקוטעווען, פּראַצעווען אין נגב און אין גליל, איידער לעבן אַ לייכטן לעבן אין פריילעכן פּאַריז, אָדער פּאַרוואַוינען פּאַלאַצן אין פּאַרק עווענױ, אין ניו־יאָרק. יעדעס פּאָלק האָט איר גורל און איר מזל, דאָס יידישע פּאָלק האָט פאַרבונדן איר גורל מיט ארץ ישראל, און זייער איינציקער פאַרלאַנג איז, אַז מען זאָל זיי לאָזן האָרעווען און אויסבויען, אויפבליען, זייער לאַנד. זיי, די ישראלים זיינען קיינעם ניט מקנא, זיי גלוסטן ניט די פעטע לענדער פון אַרום נילוס טייך, און ניט די רייכע ערד פון לבנון, איראַק און קואוויט, זיי זיינען פּאַרליבט אין זייער קליין אָרעם לאַנד, וואָס דאַרף נאָך באַאַרבעט ווערן מיט פיל שוויס. ס׳דאַרפן נאָך אין איר אַריינגעלייגט ווערן מיליאָנען קאַפּיטאַלן, און ס׳דאַרפן נאָך אין לאַנד אַריינקומען הונדערטער טויזנטער נייע עולים, כדי דאָס לאַנד צו באַזעצן און איר באַאַרבעטן.

געזעגנט זיך דער גאַסט, מיטן לאַנד, מיט די בערג און טאָלן, מיט די פעלדער און מיט די מושבים. אַזוי קורץ איז געווען דער וויזיט. דוכט זיך נעכטן געקומען און היינט איז שוין געקומען דער טאָג פון געזעגענונג.

שווער זיך צו געזעגענען מיט מדינת־ישראל. ווי קורץ אין צייט ס׳איז געווען דער באַזוך, פילט דאָך דער גאַסט, אַז אין די עטלעכע וואָכן, האָט ער זיך איינגעוואָרצלט, זיך באַהעפט מיטן לאַנד און אירע מענטשן. אָנ־געשטעקט געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער אַמביציע, צו מאַכן פון דאָס לאַנד אַ מוסטער־לאַנד פון פּראָגרעס און פּאָרשריט, פון אויפשטייג און פון אינ־דוסטריאַליזאַציע. משה האָט געשלאָגן דעם שטיין אַרויסצובאַקומען וואַסער, און די ישראלים רייסן די פעלדזן אין מדבר, אַרויסצוקריגן ברויט און פּרוכט, בוראַקעס און אויל, מאַראַנצן און ציטרונען. איז מיט וואָס, מיט וועלכן רעכט פּאָרט זיך דער באַזוכער אַוועק צוריק אין זיין היים, און באַ־פרייט זיך פון דער אחריות? איז ער דען קיין ייד ניט, האָט ער ניט קיין חלק אין אָט דאָס לאַנד, און האָט דאָס לאַנד ניט קיין חלק אין אים?...

שטעלט זיך דער באַזוכער אויפן לייטערל פון עראָפּלאַן, וואָס דאַרף אים צוריקפירן אין די מרחקים, און ווי דער דור המדבר אַמאָל וואָס איז געשטאַנען אויף די בערג, און פון ווייטן אָנגעקוקט דאָס לאַנד וואָס דאַרף נאָך באַזיגט ווערן, אַזוי שטייט היינט דער באַזוכער און קוקט אין דער ווייטן. אָט דאָרטן איז דער ים און דאָ איז תל־אביב, אין יענע בערג ליגט די שטאָט ירושלים און דאָרטן אין טאָל געפינען זיך קבוצים וואָס זיינען איצט, אין פרימאָרגן אַרויס צו דער אַרבעט. און מיט אַלץ און אַלעמען דאַרף מען זיך געזעגענען.

מען געזעגנט זיך מיט מענטשן, ווי געזעגנט מען זיך מיט א לאַנד? מיט א ים, מיט בערג און טאָלן? דאָרטן אין האָריזאָנט שוואַרצן זיך די וועלדער וואָס דער קרן קימת פאַרפלאַנצט. ווי געזעגנט מען זיך מיט וועלדער?

און מיטן לעצטן בליק אויפן לאַנד, געזעגנט זיך דער באַזוכער. זיין מויל איז פאַרשלאָסן און ס'רעדט זיין האַרץ: זיי געבענטשט לאַנד פון אונדזער יידישן גורל. דאָ לאָז איך איבער מיין האַרץ. מיינע בענקשאַפטן און מיינע חלומות. זאָלן דיינע קינדער זיין גליקלעך, און זאָל דאָס לאַנד געבענטשט ווערן מיט שלום. זאָלן פעלקער נאָענטע און ווייטע אָנהויבן פאַרשטיין אַז ארץ ישראל קען נאָר בליען און זיך אַנטוויקלען דורכן עם ישראל. נאָר יידישע שוויים און מי קענען זעטיקן דאָס פאַרשמאַכטע לאַנד און איר מאַכן פרוכטבאַר און שעפעריש. זאָלן זיי, נאָענטע און ווייטע זען וויפל מי, וויפל ליבשאַפט, די קינדער פון ישראל לייגן אַריין אין אָט דאָס קליין לאַנד, און פאַרגינען דאָס אַרבעטזאַם פאָלק צו געניסן אין רו־איקייט, פון דער מי פון זייערע הענט.

דער אַעראָפּלאַן צעשפּרייט זיינע פליגלען. פון פענסטער זעט זיך נאָך א שטיקל ערד, געהייליקט מיט יידישע בלוט און מיט יידישער פּיאָנערי־שער אַרבעט. און אָט פליט מען שוין איבערן ים, דאָס מיידל וואָס באַדינט די פּאַסאַזשירן טראָגט אונטער א צוקערל און זאָגט „נעמט". דער באַזו־כער ענטפערט: א דאַנק, איך נייטיק זיך טאַקע אין עפּעס זיסעס, כדי צו פאַרזיסן די ביטערקייט וואָס כ'פיל איצט ניט נאָר אין מויל, נאָר אין אַלע מיינע אברים.

— 18 —

רוים

פאַר די לעצטע צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר לערך, זיינען די צוויי נעמען, ירושלים און רוים ענג פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער געשיכטע. אמאָל איז רוים געווען די שטאָט פון די צעזאָרן און ירושלים די שטאָט פון די נביאים; שפּעטער איז רוים געוואָרן די שטאָט פון קריסטנטום און ירושלים די שטאָט פון רואינען. די צוויי שטעט סימבאָליזירן דעם „סייפא וספרא", דעם שווערד און דעם ספר. רוים איז די האַרבעווירקלעכקייט; ירושלים איז דער טרוים, דער חלום, דער אידעאַל פון דער צוקונפט.

רוים ציט איר יחוס פון אַ וואָלף, אַ וועלפין וואָס האָט געזייגן די צוויי ברידער, רעמאָ און ראָמולאָ; ירושלים ציט איר יחוס פון דער עקדה, פון מקריב זיין דאָס מאַטעריעלע, צוליב דאָס גייסטיקע. טייער איז אַן איין איינציק קינד, אָבער דער געבאָט פון דעם אַלמעכטיקן איז שטאַרקער, מוז זיין שטאַרקער, ווי אַלע ערדישע ליבעס און תענוגים. רוים איז מאַכט, ירושלים איז שלום; רוים איז שווערד, ירושלים איז די נבואה פון אַל־מעכטיקן, דאָס וואָרט פון גאָט.

ירושלים האָט געקעמפט מיט רוים און דער אידעאַל, די אידייע איז געפאַלן אין קאַמף קעגן דעם ברוטאַלן קריגער, וועלכער איז געגאַנגען אין קריג, ניט צוליב אידעאַלן, נאָר צוליב „סעסטערציעס" (רוימישע מט־בעות). רוים האָט געזינגט, באַזינגט די אידייע, באַזינגט אפילו דעם קריסטנ־טום. דער המלך פון נזיר פון גליל, אָנגעטאָן איז אַ צורישענע טוניקע, מיט באָרוועסע פיס און צושויבערטע האָר, ביז די פּרעכטיקע בנינים פון וואַטיקאַן, איז אַ סך ווייטער ווי דער פּרימיטיווער קריסטנטום צום יידנטום.

וואָלט דער קריסטנטום געבליבן אינעם פאַרחלומטן אָריענט, וואָלט עס געבליבן אַ יידישע סעקטע, ווי די סעקטע — אַמאָל ביי יידן — „טובלי־שחרית" (די וועלכע פלעגן זיך טובלען אַלע פרימאָרגן, בעת דער בית

המקדש איז געשטאנען) אדער א מין סעקטע ווי די איסיים זיינען אמאל געווען. אבער דער געלערנטער רענעגאט שאול פון טרסא (פוילוס דער אפאסטאל) האט געהאט גרעסערע אמביציעס, האט ער געפירט די אידייע פון קריסטנטום, פון אריענט קיין רוים. האט ניט פוילוס באזיגט די פאר־גאנישע רוים, נאר רוים האט באזיגט די מעסיאנישע אידייע. וואו די לערע פון אונטערשטעלן די צווייטע באק, נאכן באקומען א פאטש אין דער ערשטער, איז אין רוים פארקריפלט געווארן, און איז פארוואנדלט געווארן אין גאר א קעגנזעצלעכע פארמולע.

ווי ירושלים מאכט דעם איינדרוק פון עטעריש, פון רוחניות, פון מאַ־טעריעלע ערא־דיקיים (ציטוויילקייט) ווייל ס'איז דאך ירושלים של מטה (די אונטערשטע, ערדישע ירושלים) אזוי מאכט רוים דעם איינדרוק פון „דירת קבע" (א שטענדיקע דירה) פון איינגעפונדעוודיקייט פון פארוואָרצל־דיקיים. דער וואטיקאן שטייט אזוי פעסט, אזוי גרונטפעסטיק אויפן בערגל. אז — אזוי דוכט זיך — קיין שטורעם ווינט וועט דעם בנין ניט אנרירן.

רוים ווייזט נאך היינט דעם טוריסט, איר אמאליקע מעכטיקייט. שטייט דער קאליסעאום נאך גאנץ פעסט, כאטש ס'איז א חורבה פון צוויי טויזנט יאר. שטייען נאך די טריומף טויערן פון קאנסטאנטין און פון טיטוס. יע, דער טיטוס טויער, דער זכר פון דעם זיג פון דער מעכטיקער רוים קעגן דער אומבאדייטנדיקער יהודה, שטייט נאך עד היום. שטארק באשעדיקט שטייט דער טריומף טויער, האלט זיך אין קרישלען. אבער ס'איז נאך גאנץ בולט די באריעלעפן פון די געפאנגענע יהודער וואס טראגן די מנורה אין געפאנגענשאפט. דער יידישער טוריסט, לויט דער טראדיציע, גייט ניט דורך דעם טויער, נאר מיידט אים אויס, אן א זייט, און דער טריומף טויער קרישלט זיך, ניט נאר צוליב דער אקציע פון דער צייט, פון דער לאסט פון יארהונדערטער, נאר צוליב דעם אויפקום פון מדינת־ישראל. ווייל „יודעא קאפטא" די באזיגטע יהודה, איז אויפגעשטאנען תחיית המתים, און יעדער קלאפ מיטן רידל אין דער וויסטער ערד פון ישראל, יע־דער שלאג מיטן האמער,ביים אויפשטעלן א נייעם בנין אין ירושלים, שמעטערט, צושמעטערט דעם טריומף טויער פון טיטוס אין רוים.

שטייענדיק אין חרובן קאליסעאום, איז גענוג צו פארמאכן אויף א וויל די אויגן, און מען טראגט זיך אריבער אין אן אנדער וועלט, אן עפאכע מיט צוויי טויזנט יאר צוריק. דאן, אין דעם אויגנבליק הערט מען דעם יובל פון די רוימישע מאסן וועלכע האבן אנגעפילט די געביידע. דער צע־זאר מיט זיין נעליבטע זיינען געזעסן אויף דער ספעציעלער עסטראדע. אין איין האנט האט דער צעזאר געהאלטן א געבראטן שטיק שעפסן־פוס און געביסן, געריסן מיט זיינע ציין, און מיט דער צווייטער האנט זיינער האט ער געגעבן א צייכן אז די טירן פון די אונטערערדישע שטייגן זאלן

נעעפנט ווערן, די ליבן זאלן ארויסגעלאזן ווערן און די געפאנגענע, יהו־דעער — און שפעטער, קריסטן — זאלן פארצוקט ווערן פון די ווילדע חיות. אין חלל הערט מען נאך — אימאזשינאטיוו — דעם יאמער פון די געפייניקטע. אנשטאט רוים זאל זיך שעמען מיט איר פארגאנגענהייט, ווייזט מען עס נאך היינט — דעם קאליסעאום — צו טוריסטן. מען שטאל־צירט מיט דער אמאליקער רוימישער „ציוויליזאציע".

אין מוזעאומס, האט רוים צונויפגעקליבן אלע קונסט אוצרות פון דער וועלט, אין קירכן, — אלע פרעכטיקסטע סטאטוען. די קונסט בילדער וואס געפינען זיך אין בורגעזישן פאלאץ איז אין לשער. זייער שיינקייט און זייער ווערט. אין סאן פוילוס קירך געפינט זיך די מעכטיקע סטאטוע פון משה רבינו, וואס דער מייסטער מיגעל־אנכעל האט באשאפן מיט הונדער־טער יארן צוריק. רוים איז דער פאנטעאן פון דער מאלערישער און סקולפטארישער קונסט אין דער וועלט.

אבער קוקנדיק אויף די בילדער פון די גרעסטע מייסטער, פרעגט זיך דער טוריסט די גאנץ אלטע פראגע: וואס איז קונסט? צוליב וואס איז קונסט? אויב שיינע קונסט דארף באריירן און וויברירן די איידלסטע סטרו־נעס פון מענטשנס הארץ, דארף אים באוועגן צו מעשים, צו הומאנישע אידייען, לייטערן זיינע געפילן און דערהויבן. האבן אט די אלע קונסט־ווערק, דערגרייכט דעם ציל? זיכער נישט, דא נישט לאנג, מיט א פאר צענטליק יאר לערך, האט דער פאשיסט מוסאליני פון אט דעם באלקאן, געריטשעט צו די מאסן, זיי געשטויסן אין א קריג, וואס האט געבראכט נאר אומגליק פאר איטאליע, און אט דער וועג־ווייזער וואס פירט ארום די גרופע טוריסטן, איז דאן געשטאנען צווישן דער מאסע, און געשריען, געוואלדעוועט פון פאשיסטישן ענטוזיאזם. איז צוליב וואס, קונסט? איין פראזע פון דעם פאסטוך עמוס איז געווען מער ווירקזאמער ווי אלע קונסט בילדער און סקולפטורן צוזאמען. איין לעקציע פון הושע דעם נביא, איז מעכטיקער ווי די פיקטארישע קונסט אין דער סיקסטינער קאפליצע, וואס האט אפגעקאסט אזוי פיל יארן ארבעט.

גרויס און מיט פארנעם איז דער וואטיקאן, דער סאנקטום סאקנטאריום פון דער קאטוילישער אמונה. די סאנט פעטער קירך איז מסתמא די גרעס־טע אויף דער וועלט. שפאצירט דער טוריסט צווישן די „נאוועס", די זאלן פון טעמפל און באוואונדערט די קונסט פון דער ארכיטעקטור, די ארקן און ארקאדן, די מיט גאלד באדעקטע סטאטוען, די טעפיכער און די פילי־גראנען. אבער וואו געפינט זיך דא, אין דער אויסערגעוויינלעכער עשירות, גאט'ס גייסט? פארוואס פילט מען נים דעם הויך פון דער געטלעכקייט? פארוואס פילט זיך נים די שכינה אין אט דעם גרויסארטיקן טעמפל?

און גרויס רחמנות באקומט דער טוריסט צו די סטאטוען געבעך,

באדעקט מיט אזוי פיל גאָלד, די סטאַטוע פון דעם אָרעמען סטאָלער פון גליל, וואָס האָט געלעכצט נאָך אביסל רו, די סטאַטוע פון דעם באָרוועסן פישער פון גליל און פון דעם תלמיד חכם פון טרסא, וואָס האָט געמיינט אז ער וועט מתקן עולם זיין, נאָר מיטן גלויבן אליין, אז ניט מעשים טובים און מצוות דאַרף דער מענטש, נאָר ער דאַרף גלויבן, טיף גלויבן אין דעם משיח וואָס, — ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען — איז געשיקט געוואָרן אויס־צולייזן די מענטשהייט פון אלדאָס בייז. שטייען זיי דאָ די סטאַטועןן טאָג און נאַכט, הונדערטער יאָרן, און וואַרטן נאָך אלץ אויף דער גאולה פון מענטשן. אַ רחמנות אויף די סטאַטועןן וואָס האָבן אין זייער מאַרמאָרענער עקזיסטענץ, זיך אָנגעזען אַזוי פיל מענטשלעכע רשעות.

שיין איז איטאליע. גרין די פעלדער, בלוי די ימען, וואָס קרייזן איר אַרום, שיין און פּרעכטיק די שטעט; די אינדזלען ווי קאַפּרי — למשל. פאַרוואָס זיינען די רוימער געווען אזוי בלוטדורשטיק, זיך געיאָגט צו פאַר־כאַפּן ווייטע לענדער, ווען זיי האָבן געקענט רואיק, גליקלעך לעבן אין זיי־ער אייגן לאַנד?

די איטאַליענער זיינען פריינטלעכע און גאַסט־פריינטלעכע, שטאַרק אריינגעטאָן אין עולם־הזהדיקייט, און זאָרגן עפּעס צו ווייניק וועגן עולם הבא. לויט די קירכן, קאַפּליצעס, טעמפּלען, האָט דער איטאַליענער גע־דאַרפט זיין מער רעליגיעז דורכגענומען, מער רוחניותדיק, אָבער דער איינ־דרוק איז אז די אַלע רעליגיעזע סימבאָלן איז מער פאַרן טוריסט, ווי פאַרן היימישן געברויך.

די נאָר וואָס איבערגעלעבטע מלחמה, מערקט זיך כמעט ניט אין אי־טאַליע, וועלכע לעבט היינט אין שפע און פּראָספּעריטי. אין קיין לאַנד זעט מען ניט אזוי פיל אויטאָמאָבילן, ווי אין איטאַליע. אין רוים זיינען צעשטעלט אויף גאַסן, טויזנטער, צענטליקער טויזנטער אויטאָס פון דער „פיאַט" פאַבריקאַציע. געווים געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן מער אויטאָס ווי אין איטאַליע, אָבער אין איטאַליע זעען זיי זיך מער אָן, ס'מאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אויטאָמאָביל־פאַרפלייצונג.

אויף די וועגן איז אַ לעבהאַפטיקע באַוועגונג. ביי די זייטן פון וועג, געפינען זיך צענטליקער און צענטליקער קרעטשמעס, רעסטאָראַנען, קאַנ־טינעס „באַרן" און כלערליי פאַרוויילונגס־פלעצער פאַרן טוריזם. די דאָ־לאַרן פאַרוואַנדלען זיך אין לירעס, און די לירעס (די איטאַליענישע געלט) פאַרשווינדן אין אַ מאַגישן געווירבל. אָט זיינען געווען צען טויזנט לירעס און אָט זיינען זיי, עפּעס אויף אַ מיסטעריעזן אופן פאַרשוואונדן.

נאָך ירושלים, דאַרף מען זען רוים. זעענדיק „מלכות רומא" (די רוי־מישע מלוכה) קען מען דאַן אָפּשאַצן ירושלים. לויט ווי דער פּרק דער־ציילט, זיינען צען זאַכן באַשאַפן געוואָרן ערב שבת. באַזוכנדיק די צוויי

שטעט, קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז נאָך צוויי זאַכן זיינען דאַן אינעם ב־ראשית באַשאַפן געוואָרן. דאָס זיינען רוים און ירושלים, די צוויי מעכ־טיקסטע קאָנטראַסטן. אפשר די צוויי זיילן פון דער וועלט, דאָס מאַטעריעלע און דאָס גייסטיקע, רוים און ירושלים.

— 19 —

פּאַריז

צענטליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע קאָנטינענטן, ספּעציעל פון אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, חלומען צו באַזוכן פּאַריז, כאָטש איין מאָל אין לעבן. פּאַריז איז דער סימבאָל פון עולם הזה, פאַר פאַרגעניגן, פון גענוס, אַמאָל האָט מען געזאָגט אַז יעדער מענטש האָט צוויי פאָטערלענדער, זיין אייגן לאַנד און פראַנקרייך, וואָס איז געווען די וויגעלע פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וואו ס'איז צום ערשטן מאָל דערשינען די „דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט". היינט קען מען פּאַראַפראַזירן, יעדער מענטש האָט ליב צוויי שטעט, זיין אייגן שטאָט וואו ער לעבט און פּאַריז, די שטאָט וואָס ער האָפט צו באַזוכן.

איז אָט איז זי, די וועלט שטאָט, פּאַריז, מיט אירע ברייטע „רואס" (גאַסן) און אירע פּראַקטיקע בולוואַרן, דער פּאַלאַץ לואַוור און דער טייך „סען" די קאַפּייען אויף די טראָטואַרן און דער באַהעמישער מאָנטמאַר־טער. דאָס איז פּאַריז פון נאַכט קלובן, טעאַטערס, אָפּערע, פּאַרוויילונגען, וואָס ציט אַזוי פיל טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט.

אין פּאַריז קען מען פאַרברענגען וואָכן, חדשים און דאָך ניט דערוויזן צו זען אַלץ. כדי דורכצוגיין און זען דעם פּאַלאַץ לואַוור, דאַרף עס נעמען ביי אַ וואָך צייט. דער באַזוכער אויף עטלעכע טעג קען נאָר זען עטלעכע מערקווירדיקייטן, אייניקע היסטאָרישע פּלעצער ווי למשל: דעם פּלאַץ פון דער באַסטיליע, דער טריומף טויער, דעם אינוואַלידן־פּאַלאַץ, וואו דער קבר פון נאַפּאָלעאָן געפינט זיך, דעם אייפל טורם, די פּאַלאַצן פון ווערסאַיל, די קירך נאָטר־דאַם אא"וו.

מער פון אַלע אַנדערע פעלקער, איז די געשיכטע פון פראַנקרייך באַ־קאַנט צו אַ סך מענטשן אין דער וועלט. אין פּאַריז גייענדיק איבער די גאַסן, דערמאָנט מען זיך דעם פּאַריזער אונטערגרונט, וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט אַזוי וואונדערלעך באַשריבן אין „לע מיזעראַבל". וואו די אַמאָליקע

טורמע, די באַסטיליע איז געשטאַנען, איז היינט נאָר דאָ אַ קליינער דענק־מאָל. דער טריומף טויער, וואו ס׳געפינט זיך דער קבר פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט, דערמאָנט אַז אַט דאָ, מיט אַנדערהאַלבן צענטליק יאָר צוריק, האָבן חוצפּהדיק געמאַרשירט די היטלערישע אַרמייען. אין פּאַריז האָט די לעצטע מלחמה, ניט געלאָזן קיין מערקבאַרע שפּורן, אָבער די שנאה צום דייטש, צום „באָש" איז געבליבן ביי אַלעמען. יאָרן גייען, אָבער אויף דורות וועלן די פראַנצויזן געדענקען, די דייטשישע ברוטאַליטעט וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט בעת דער לעצטער מלחמה. און אַ טוריסט וואָס רעדט דייטש, איז עד היום ניט קיין אָנגעלייגטער גאַסט אין פּאַריז.

פּאַריז איז די הויפּט־שטאָט פון אַ קאַטוילישׁ לאַנד. די קירכעס זיינע מאַסיווע. די אַרכיטעקטור איז פון הונדערטער יאָרן צוריק און איז מערק־ווירדיק אָנצוקוקן. אָבער אין דער גרויסער און גרויסאַרטיקער „נאָטר דאַם" קירך (די „הויז פון אונדזער דאַמע") איז טונקל, טרויעריק, אומ־היימלעך, די פילפאַרביקייט פון די גלאָז אין די הויכע פענסטער לאָזן ניט אַריין קיין גענוג ליכט. מען גייט אָנקוקן די קירך, ווייל ס׳איז אַ שטיק קונסט־ווערק. מען קומט ניט קיין פּאַריז מתפּלל צו זיין אין אַט דער מיטל־עלטערלעכער... מען קומט אין פּאַריז צו לעבן, געניסן פון לעבן. די עסטעטיק פון אַמאָליקן גריכנלאַנד איז קליינשטעטל־דיק אין פאַרגלייך מיט דער שיינקייט וואָס דער באַזוכער געפינט אין די טעאַטערס, נאַכט קלובן, רעסטאָראַנען און קאַפּייען.

אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן זייערע „קאָלאָניעס" אין פּאַריז, אַלע קינסטלער פון דער וועלט קומען אין פּאַריז זיך אָנצוזאַפּן מיט איר וויזן, שיינקייט און איר פרייהעלקייט. אין דער באַוואוסטער אוניווער־סיטעט „די סאָרבאָנע" לערנען סטודענטן פון אַלע לענדער. דאָס איז די צווייטע זייט פון דער פּאַריזער מטבע. פון איין זייט איז פּאַריז די פרייז־לעבסטע שטאָט אין דער וועלט, און פון דער צווייטער זייט איז פּאַריז די טראַדיציאָנעלע שטאָט פון רעוואָלוציע, פון מענטשן רעכט, פון די ריזן פון דער פראַנצויזישער קולטור. די שטאָט וואו ס׳האָבן געלעבט און געשאַפן היינע, הוגאָ, אַ. פראַנס, ע. זאָלאַ. יעדער טוריסט קען אָנקוקן פּאַריז לויט זיין געשמאַק; אַ גרויסע צאָל טוריסטן, באַלד ווי זיי קומען קיין פּאַריז, לויפן אין טעאַטער „פאָלים בערזשער" זען אַ פאָרשטעלונג וואָס די פאַנטאַזיעס פון „טויזנט און איין נאַכט" איז בלאַס און אומעטיק, לגבי די פּראַכטפולע דעקאָראַציעס, ליכטער, שפּיל פון פאַרבן, „אַרטיסטקעס" אויב מען קען אַזוי באַצייכענען, די שיינע טעכטער פון פראַנקרייך, וועלכע באַנוצן נאָך דעם פייגנבלאַט פון חוהן, נאָר דעם פייגנבלאַט און ניט מער.

די וועלכע ווילן זען די געשיכטע פון פראַנקרייך, באַזוכן דעם לאַוור פּאַלאַץ און די פּאַלאַצן אין ווערסאַיל און פאָנטענבלו. אין ווערסאַיל, זיי־

נען די פּאַלאַצן אויפגעהיט געוואָרן מיט אַלע דעטאַלן. ס'דוכט זיך, אַז אָט וועט באַלד אַרויסגיין פון איר בודואַר די שטאָלצע מאַריאַ אַנטאָניעטאַ, און דורכשוועבן די וואונדערלעכע סאַלאָנען. אָט איז די טירל אין וואַנט, דורך וועלכער די קעניגן פון פראַנקרייך האָט זיך גערא͏ַטעוועט אין שטורמישן יאָר 1789, און אָט איז דער עס צימער פון קעניג. ווען ער האָט אונטערגעלענט זיין האַרץ, האָט דער פראַנצויזישער פּובליקום געהאַט די זכיה צו זען פון דער ווייטן, ווי דער קעניג עסט.

און די פּאַלאַצן זיינען אָנגעפילט מיט קונסט ווערק פון דורות, מיט וואַנט מאָלערייען פון די גרעסטע מייסטער, מיט גאָבעלינען און טעפּיכער פון די גרעסטע קינסטלער. אין אָט דער גאַנצער שפע, ווערט פאַרשטענדלעך, אַז מאַריאַ אַנטאָניעטאַ האָט געענטפערט די פּאַריזער דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געקומען זיך באַקלאָגן, אַז דאָס פאָלק האָט קיין ברויט ניט „זאָלן זיי עסן ביסקוויטן". אין אַזעלכע פּאַלאַצן, קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז ס'קענען זיך געפינען הונגעריקע מענטשן.

אין דער קירכע פון די אינוואַלידן, געפינט זיך דער קבר פון נאַפּאָלעאָן. דאָ ליגט דער מאַן וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט. אימפּעראַטאָרן האָבן געציטערט אין זיין אָנוועזנהייט. ער האָט געפירט זיינע אַרמייען אין עגיפּטן און אין רוסלאַנד. אין גאַנץ ליטע געפינען זיך בערגלעך מיט ביינער פון די פראַנצויזישע קריגער, וועלכע זיינען פאַרפראָרן געוואָרן אויפן וועג, אַהין און צוריק פון מאָסקווע. אָבער נאַפּאָלעאָן אַליין ליגט אין „אַ באַקוועמען" קבר, אין אַן אונטערשטע גאַלעריע. אויבן געפינט זיך אַ קבר פון אַן איינפאַכן סאָלדאַט. דאָס איז געווען דער וואונטש פון נאַפּאָלעאָנען, אַז אפילו נאָך זיין טויט, זאָל ער האָבן אַ סאָלדאַט לעבן זיך.

נאַפּאָלעאָן פאַראינטריגירט דעם באַזוכער, דערפאַר ווייל נאָך אין די קינדער יאָרן האָט ער זיך אָנגעהערט אַ סך מעשיות, לעגענדעס און דערציילונגען וועגן דעם גרויסן פעלד-הער. ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען איירא͏ָפּע און די גאַנצע וועלט, ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט געזיגט אין מאָסקווע, אָדער ווען נאַפּאָלעאָן זאָל ניט האָבן אַ בויך-וויייטאָק די נאַכט איידער די שלאַכט אין וואַטערלאָ. קוקנדיק אויפן קבר פון נאַפּאָלעאָן, דערמאָנט זיך דער לאַטיינישער שפּריכוואָרט: „אָט אַזוי זעט אויס די מענטשלעכע גלאָריע אויף דער וועלט".

און פאַרן באַזוכער וועמען ס'אינטערעסירט די פראַנצויזישע קולטור, זיינען דאָ צענטליקער פּלעצער אָנצוקוקן און באַוואונדערן. די גרויסאַרטיקע ביבליאָטעקן, די „סאָרבאָנע", די אָפּערע, די קונסט-טעאַטערס, און די מאָלעריי אויסשטעלונגען, די קונסט וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן במשך פון לאַנגע דורות.

אָבער איבער אַלץ, איז פּאַריז, די פריילעכע, לעבעדיקסטע שטאָט פון

דער וועלט. די שטאָט פון גן עדן התחתון (דער ערדישער גן־עדן). די פראַנצויזן האָבן ליב גוט אָפּצועסן און גאָר גוט אויסצוטרינקען. די פראַנ־צויזישע וויינען און קאָניאַקן האָבן אַ גוטן שם אין דער וועלט, און די פראַנצויזן פּראָפּאַגאַנדירן זייערע געטראַנקען מיט פּערזענלעכע באַווייזן. ממשותדיק. זיי עסן און טרינקען און אַזוי אַרום גיבן זיי צו חשק, די טור־ריסטן.

פראַנקרייך איז אַ פריי לאַנד. אַלע בירגער געניסן פון דער פרייהייט. אין פראַנקרייך לעבן עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, „לדגליהם" אונטער זייערע אַלטע פאָנען. ציוניסטן, בונדיסטן און אַלערליי „איסטן" אפילו קאָ־מוניסטן. סאַלאָן קאָמוניסטן. דוכט זיך אַז ס'איז די איינציקע לאַנד אין אייראָפּע — אויסער די לענדער הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג — וואו די קאָמוניסטן האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן אין יידיש. דאָס אַמאָליקע "פלעצל" דער יידישער געגנט, האַלט אין פאַרשווינדן. און די פראַנצויזישע יידן באַדויערן ניט וואָס דער געגנט, פאַרלירט דעם יידישן אָנזען. ווייל די יידן פון פלעצל, עמיגרירן אין אַנדערע געגנטן.

די גרעסטע צאָל היינטיקע יידישע איינוואוינער פון פאַריז, זיינען פון דער שארית הפליטה. צונויפגעלאָפענע פון די לענדער וואו זייערע היימען זיינען חרוב געוואָרן. טרעפט מען יידן אין רעסטאָראַנען, קאַפייען און אין אַנדערע עפנטלעכע פאַרווייַלונגס פלעצער. אָבער מען טרעפט אויך אַ יידן אויפן „פלאַץ פון דער רעפּובליק" אַן איינזאַמען, צובראָכענעם מענטשן, אַ מענטש איינער אַליין. געהאַט מאָל אַ פרוי, קינדער, קרובים, זיינען זיי אַלע אומגעקומען. דער ייד קען בשום אופן ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס ער איז לעבן געבליבן. פאַרוואָס ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט. גייט אַרום אַזאַ מענטש אין פריילעכן פאַריז, ווי אויפן עולם התוהו. ער זעט ניט די פריילעכע נאַכט קלובן, די ליכטיקע רעסטאָראַנען, די פאַרשייטע טעאַטערס. ער לעבט, גייט אַרום איבער די פאַריזער גאַסן און זעט וויזיעס פון גהינום.

יע, ער וויס. דאָרטן געפינט זיך דער דענקמאָל נאָך די קדושים. מען פראַוועט שמחות אין פאַרשידענע קלובן. ס'זיינען דאָ צענטליקער יידישע אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען, פאַרטייען. ניין. דאָס אַלץ אינטערעסירט אים נישט.

פרעגט דער באַזוכער דעם איינזאַמען יידן: „פאַרוואָס פאָרט איר ניט קיין מדינת ישראל? וואָס זיצט איר דאָ אַליין?"

ענטפערט דער ייד, דער פוילישער ייד וואָס איז געבליבן אימהדיק איינזאַם, אין דער פריילעכסטער שטאָט אין דער וועלט.

„שוין געווען אין מדינת ישראל, אָבער דאָרטן איז ניט פאַר מיר. איך בין אַלט און צובראָכן. דאָרטן זיינען דאָ די לעבעדיקע יידן, די וועלכע

בויען אַ צוקונפט. איך האָב ניט קיין כוח צו בויען אַ צוקונפט, ניט פאַר מיר און ניט פאַר אַנדערע. דאָ בין איך נענטער צו די טויטע. איך ווינטש זיי, אין מדינת ישראל, אַלדאָס גוטס, אָבער איך וועל בלייבן דאָ. אין מדבר וואו אַלע מיינע נאָענטע זיינען אומגעקומען. איך באַלאַנג צו אַ טויטער וועלט".

און דאָס איז אויך פאַריז.

— 20 —

ענגלאַנד

כדי צו קענען אייראָפּע, דאָס וואָס מען רופט „די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע" זען אייראָפּע און איר פּילן, מוז מען אָנקוקן ענגלאַנד.

די אַלטע קולטור וועלט איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַזיע. די רעליגיעס, פילאָזאָפיע, עטיק, נבואה, שריפט און אַנדערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון מחשבה און מחקר (דענקען און פאָרשן) האָבן געהאַט זייערע וויגן אין מזרח. די מאָדערנע טעכניק און ציוויליזאַציע קומט פון אייראָפּע.

דער ביישטייער צום היינטיקן מאָדערנעם לעבנסשטייגער, בכלל און צו די מענטשלעכע פרייהייטן בפרט, איז אויסגעקעמפט געוואָרן אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. די דעמאָקראַטישע אָרדענונג, דער „האַבעאַס קאָרפּוס" די רעכטן פון פאָלק און פונעם יחיד, די מאָדערנע ליטעראַטור, די דערפינדונגען אין טעכניק, האָבן געהאַט זייערע וואָרצלען אין אייראָפּע.

פאַר יידן, אייראָפּע, האָט געמיינט ליטע און פוילן, אוקראַינע און רומעניע, ווייסרוסלאַנד און גאַליציע, אָבער דער אמת איז אַז אַ סך אייראָפּעאישע לענדער האָבן גאָר ווינציק ביינעשטייערט צום רום פון אייראָפּע. אייראָפּע אין בעסערן און העכערן זין, איז געווען פראַנקרייך און ענגלאַנד, שוועדן און שווייצאַריע, האָלאַנד און דענעמאַרק, בעלגיע און נאָרוועגן. קיינער לייקנט ניט אַז פּאָרטוגאַל און בולגאַריע געפינען זיך אויך אין אייראָפּע, אָבער ניט פּאָרטוגאַל, ניט בולגאַריע, זיינען די רעפּרעזענטאַנטן פון מאָדערנעם אייראָפּעאישן געדאַנק, קולטור און טעכניק.

אין ענגלאַנד אָטעמט מען מיט דער אייראָפּעאישער לופט. מען טרעט אויפן אייראָפּעאישן באָדן. אויב אימעצער לעבט אין לאָנדאָן, קען ער מיט זיכערקייט זאָגן „איך בין אין אייראָפּעער".

אויב אַ רייזענדער האָט אַמאָל באַזוכט לאַטיין־אַמעריקע, האָט ער זיך געקענט אָפּגעבן אַ דין וחשבון, אַז די גרענעצן צווישן לאַנד און לאַנד זיינען קינסטלעכע, אַרטיפיציאַלע. ס'זיינען אפשר דאָ געוויסע וואַריאַציעס,

אָבער בדרך כלל, קען מען ניט געפינען קיין גרויסע קאָנטראַסטן אינעם לעבנס־שטייגער, אין דער אַרכיטעקטאָניק, אין דער קולטור, צווישן טעגוסיגאַלפּאַ (די הויפּט־שטאָט פון האָנדוראַס) און סאַן כאָסע (די הויפּט־שטאָט פון קאָסטאַ ריקאַ) צווישן לימאַ, אין פּערו און מאָנטעווידעאָ, אין אורוגוויי.

לאָנדאָן איז אינגאַנצן אַנדערש ווי רוים. דער ענגלענדער איז לחלוטין פאַרשידן, ווי דער פראַנצויז. צייטנווייז מאַכט עס דעם איינדרוק אַז אייראָפּע איז באַפעלקערט פון פאַרשידענע „ראַסן", די פראַנצויזישע „ראַסע", די האָלענדישע ראַסע" און די ענגלישע „ראַסע".

די ענגלישע פלעגמאַטישקייט, וואָס איז געוואָרן אַ שם דבר אין דער וועלט, איז היינט שוין ניט אַזוי בולט ווי אַמאָל. דאָך איז דער ענגלענדער אפילו אין זיין אויפברויז, ניט געגליכן צום פראַנצויז. מיט אַלע נייע דערפינדונגען, איז דער ענגלענדער פאַרבליבן מער סטאַטעטשנע אין זיין באַנעמונג, מער איינגעהאַלטן אין זיינע באַציאונגען און מער העפלעך צו מענטשן. די ירושה אייגנשאַפטן זיינען פאַרבליבן טיף אין דער נשמה.

אין לאָנדאָן איז נאָך צו באַמערקן טיפע שפּורן, וואונדן, פון דער צווייטער מלחמה. דער צענטער אָדער בעסער געזאָגט, די צענטערס פון שטאָט, — מחמת לאָנדאָן האָט ניט איין שטאָט צענטער, נאָר עטלעכע — זיינען צוריק אָפּגעבויט געוואָרן, און ווי די לאָנדאָנער זאָגן, נאָך שענער ווי אַמאָל, אָבער אין די פאַרשטעט איז נאָך צום זען, סמנים פונעם חורבן פון דער נאַצישער „לופט־וואָפע".

קיין שטאָט האָט אַזוי פיל ניט געליטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי לאָנדאָן. גאַנצע גאַסן, געגנטן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן דורך די דייטשישע באָמבעס. איז עס אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר די ענגלענדער, וואָס אין לערך אַזאַ קורצער צייט, האָבן זיי באַוויזן אָפּצובויען די חורבות פון זייער הויפּט־שטאָט. די וואונדן זיינען געבליבן טיף אין האַרצן. כמעט יעדער ענגלענדער האָט אימעצן פאַרלאָרן אין דער מלחמה. ס'מוז שטעקן אַ פּאַרציע אמת אין דעם וואָס די ענגלענדער יחסנען זיך, אַז זיי שטאַמען פון די „בני ישראל". מיט עטוואָס זיינען די ענגלענדער פאַרבונדן מיט יידישן גורל. מעג עס זיין דורך אַ גאַנץ דינעם פאַדים.

לויט די אַמאָליקע „צנעס" (ראַציאָנירונג) איז לאָנדאָן, ענגלאַנד, היינט פול מיט שפע. די געשעפטן זיינען אָנגעפּאַקט מיט סחורה. די רעסטאָראַנען, שפּייז געשעפטן, יאַטקעס, פּרוכט קראָמען א"אַ, זיינען איבערגעפולט מיט קונים. טראָץ דעם וואָס אַלע פעלקער זוכן צוצוציען מיט אַלע מעגלעכקייטן באַזוכער, איז ענגלאַנד פאַרבליבן מיט אירע אַלטע איינפירונגען. אַט למשל: די ענגלישע געלט. דער באַזוכער אין ענגלאַנד דאַרף ממש זיין אַ זשעני כדי צו פאַרשטיין זייערע געלט. די פּענים און די שילינגס, די פונטן און די גינעאַס. די פּרייזן וואָס ווערן אויסגעשטעלט

אין די געשעפט־פענסטער, זיינען פאַר אַ באַזוכער ממש מיסטישע ציפערן. אַ צייכן, אַ ציפער, אַ פּונקט, ווידער אַ ציפער, אַ „קאָמאַ" און צוזאַמען דאַרף עס הייסן, אַז דער אַרטיקל קאָסט, אַ פונט, דריי שילינג און 4 פּענים. איצט דאַרף מען אַרויסנעמען דעם בלייפעדער און זיך אַריינלאָזן אין לאַנגע חשבונות, אויסצורעכענען, וויפל מאַכט עס אויס אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן און נאָכדעם אויף מעקסיקאַנישע פּעזאָס.

געניטע רייזנדע פאַרצייכענען צו זען אין לאָנדאָן געוויסע מערקווירדיקייטן. ווי למשל דאָס בייטן פון דער וואַך, ביים פּאַלאַץ פון דער קעניגין, וכדומה. אָבער נישט אַלע רייזענדע ווייסן, אַז איינע פון די מערקווירדיקסטע זאַכן אין לאָנדאָן, איז צו זען דעם זונטיקדיקן מאַרק אין ווייטשעפּל. דער געגנט אין ווייטשעפּל איז באַוואוינט מיט אחינו בני ישראל. דאָרטן געפינען זיך פאַבריקלעך, וואַרשטאַטן, קראָמען, גרויסע און קליינע, פון יידן, איינגעוואַנדערטע פון פּוילן און אַנדערע אַמאָליקע „יידישע לענדער". זונטיק ווערן אָפּגעשלאָסן עטלעכע גאַסן און ס'ווערן אויסגעשטעלט ביידלעך, ווי להבדיל די אַמאָליקע „סטראַגאַנעס" אין פּוילן, און ס'ווערט אַ האַנדל, וואָס איז אפשר איינציק אין גאַנץ אייראָפּע. אין אַט די ביידלעך ווערט פאַרקויפט אַלץ וואָס אַ מענטש קען נאָר הערן און געדענקען. אַלערליי קליידונג, היט, לייכטע מאַשינען, האַנט בייטלען, שטאָלוואַרג, עסן און טרינקען, פרוכטן, מעבל און ספּאָרט־מכשירים. אויב אַמאָל וועט מען קענען איינהאַנדלען אַ פּריוואַטן עראָפּלאַן, אָדער אַן אַטאָמישן רעאַקטאָר, איז עס זיכער אַז צום ערשטן מאָל וועט זיך די סחורה באַווייזן אויפן מאַרק, זונטיק אין ווייטשעפּל. גאַנץ לאָנדאָן, אַרבעטער און אַריסטאָקראַטן, אָנגעשטעלטע און נאָבל־לייט, קומט זונטיק קיין ווייטשעפּל צו איינהאַנדלען מציאות.

לויט די פּנימער קען מען שווער דערקענען, ווער זיינען דאָ די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב און ווער די אָפּשטאַמיקע פון די וויקינגען און ברעטאַנער. דאָס דערקענט מען אָבער לויט דער גלאַסנקייט, מיושבדיקייט און ערנסט פון די מערסטע קונים און דער לעבהאַפטיקייט פון די פאַרקויפער, וועלכע רופן אויס זייערע סחורות אין דעם זעלבן שעקספּירישן ענגליש וואָס די אַריסטאָקראַטישע קונים באַנוצן.

דער ענגליש מעג טאַקע זיין אַן אָקספאָרדישער, אָבער אין תוך זיינען עס די זעלבע פאַרקויף פראַזן, וואָס מען האָט אַמאָל באַנוצט אין וואַרשע און אין ווילנע„ הייסע, פרישע, צאַפּלדיקע, לעבעדיקע, אַפּעטיטנע, כאַפּט, לויפט, איילט, קויפט אַא"וו. און באמת גאַנץ ביליק, מציאות. נישט אומזיסט ציט צום זונטיקדיקן מאַרק אין ווייטשעפּל, „האַלב לאָנדאָן". אינעם פאַרכמאַרעטן פּראָוואָלקנדיקן לאָנדאָן, איז עס אפשר די איינציקע וואַרעמע היים - מענטשלעכע, נאָטע, וואָס דערנענטערט מענטשן און איז אַזוי

ווייט פון דער ענגלישער שטייפטקייט. אויפן מארק אין ווייטשעפּל פאַר־נעסט מען די טראַדיציאָנעלע ערנסטקייט און איינגעשלאָסנקייט, און דער גאַוואַהדיקער ענגלענדער זעט, האַנדלט, קומט אין קאָנטאַקט מיט פּולבלו־טיקע מענטשן, וועלכע ברענגען אַריין אַזאַ וואַרעמע אַטמאָספערע אינעם קאַלטן לאָנדאָן. ס'איז ניט קיין אָפּנאַרעריי, נאָר סחורה, עטוואָס בראַקיר־טע, אפשר אַרויס פון דער מאָדע, פּראָדוקטן פון אַ נייער פאַבריקאַציע, וואָס מען קויפט פיל ביליקער ווי אין די גרויסע דעפּאַרטאַמענט געשעפטן.

יידיש לשון, צום באַדויערן, איז זעלטן צו הערן. צענטליקער טויזנטער מענטשן גייען דאָ פאַרביי, אויפן מארק אין ווייטשעפּל, דער גרעסטער צאָל פון די סוחרים זיינען יידן, אָבער אונדזער יידיש איז נישט צום הערן. אפילו אין יידישן כשרן רעסטאָראַן איז יידיש כמעט נישט צו הערן. אין אַט דעם זין אין ניו־יאָרק אַ סך יידישער ווי לאָנדאָן.

די גאַנצע לעגענדע אַז יידן זיינען גוטע סוחרים, רינט אויס אין לאָנ־דאָן, קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט די ענגלישע אָנגעשטעלטע און סוחרים פון די ריזן־געשעפטן. דער ענגלענדער איז העפלעך, מיט דיסטאַנץ. אָבער האַנדלען און פאַרקויפן קען ער פיל בעסער אפילו פון די סוחרים אין ווייטשעפּל. קומט אַריין אַ קונה אין אַ געשעפט, וועט ער שוין מיט ליידיקן נישט אַרויס. דער „קאַלטער" ענגלענדער איז גאָר אַ גרויסער מאדים אין פאַרקויפן די ענגלישע קליידער.

די ענגלישע אימפּעריע ווערט איינגעשרומפּן. אָבער וואָס שייך די ענגלישע גייסטיקע אימפּעריע איז זי גאָר אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן. די ענגלישע קולטור באַדינט היינט אַ סך מער מענטשן און פעלקער ווי אַמאָל. די בוכהאַנדלונגען זיינען אפשר היינט פון די בעסטע געשעפטן אין ענגלאַנד. דער ענגלישער בוך האָט גאָר אַ סך קאָנסומענטן אין דער וועלט. ס'איז אַ רייכע קולטור און ליטעראַטור, אָנהויבנדיק מיט זשורנאַלן, טאַשן ביכלעך פון דעטעקטיוו מעשיות, ביז דער „ענציקלאָפּע־דיאַ בריטאַניקאַ". די ענגלישע אימפּעריע איז אַריין אין אַ נייער עפּאָכע. אַ תקופה נישט פון „קאָנקיסטאַדאָרן" (באַזיגער פון פעלקער) נאָר פון איינקנעלן מיט נייע פעלקער און זיי דערציען אין די דעמאָקראַטישע דרכים פון דער אַלטער ענגלאַנד.

די אַמאָליקע פאַרשטעלונג פון ענגלאַנד, פון גראַפן און באַראָנען, פון „קאַנטן" און וויקאָנטן", פון פּאַלאַצן און בורגן, איז היינט מער ניט אַק־טועל. דער היינטיקער ענגלענדער איז אַן אַרבעטער, אַן אָנגעשטעלטער, אַ קליין באַזיצער, וואוינט אין מאָדערנע הייזער, איז באַזאָרגט אויף די עלטערע יאָרן, און לעבט מער צופרידן ווי צו זיין אַן „אָפיסער" אין אינדיע אָדער אין דרום־אפריקע. מען דאַרף זיך גאָרניט אַזוי פיל גריבלען, נאָר באַמערקן דעם ענגלענדער נייענדיק אין גאַס, עסנדיק אין רעסטאָראַן, אָדער

זען ווי ער אַרבעט אויפן לופט פּאָרט, און קומען צו דער מסקנה אַז ס׳איז אַ געזונט פּאָלק, אַ זאַט פּאָלק און אַ העפלעך פּאָלק. קומענדיק פּנים אל פּנים מיטן ענגלענדער, פאַרגעסט מען די טענות צו אים, זיין רוּיבעריש עבר, זיין צוגעשפּיצטע פּאָליטיק, און מען זעט גאָר אַ סימפּאַטישן אַרבעטזאַמען מענטשן, מיט וועמען ס׳איז אָנגענעם צו שמועסן און צו פאַרברענגען.

וואָס שייך יידן אין ענגלאַנד, לעבן זיי אין דער „קאַלטער" ענגלאַנד, מער צופרידענער, מער זיכערער און מער איינגעוואָרצלט, ווי אפשר אין קיין אַנדער לאַנד אין איירופּע. דער איינציקער חסרון איז, וואָס אין ענג־לאַנד איז דער יידישער לעבן, אפשר דער שוואַכסטער אין גאַנץ איירופּע, שוואַך לינגוויסטיש און יידיש־קולטורעל. און נאָך ערגער, איז וואָס ס׳איז אַ שוואַכע האָפענונג אַז די יידישע פּולסן, זאָלן נעמען שטאַרקער צו קלאַפּן.

אויפן לופט־פּאָרט טרעפט דער באַזוכער אַ געשטאַלטנעם יידן מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד. אויב נישט קיין רבי, איז עס געוועס אַ רב פון אַ שול. איז ווי גייט מען ניט צו, צו אַזאַ הדרת־פּנימדיקן יידן אים אָפּצוגעבן אַ שלום עליכם? דערביי גייט מיט אים אַ פרוי, נישט אין די יונגע יאָרן, אָבער גאָר ווייט פון זקנה. פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך צווישן דעם טוריסט, וואָס וואַרט אויפן אַעראָפּלאַן וואָס וועט אים פירן קיין ניו־יאָרק, און דעם חסידישן רבין, אָדער לכל הפּחות רב, וואָס טראָגט אַזאַ באָרד וואָס פאַרכאַפּט אַן אויג.

— שלום עליכם רבי:

— עליכם שלום ר׳ ייד. נאָר מאַכט נישט קיין טעות. איך בין נישט קיין רב.

— דאָס זאָגט איר געוויס צוליב באַשיידנקייט. ענווות איז אַ פיינע מידה, כ׳האָף אַז די רביצן אייערע וועט מודה זיין, אַז איך האָב נישט גע־מאַכט קיין טעות.

דער רב מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד, שמייכלט תלמיד־חכמיש און ענטפערט:

— מיין ליבער פריינט. ניט נאָר בין איך ניט קיין רב, נאָר די פרוי איז ניט קיין רביצן, ס׳איז מיין מוטער. מיר קומען דערוואַרטן איר מאַמען און מיין באָבען, און פון וואַנען קומט איר, ר׳ ייד?

פון מדינת ישראל, מיר פאָרן קיין מעקסיקע אַהיים.

— איז ווי איז אייך געפעלן ירושלים?

— אין מיינע אויגן איז ירושלים די שענסטע שטאָט אין דער וועלט. די הויפּטשטאָט פון גייסטיקייט, די מעטראָפּאָליע פון חכמה.

— גוט אַזוי ר׳ ייד, איר זייט מיט דעם מקיים אַ מצווה. אַ ייד דאַרף ריידן „בטוב ירושלים" (צום גוטסטן פון ירושלים).

— 21 —

צוריק אַ היים

פֿאָרנדיק אין דזשעט אַעראָפּלאַן, רווישן נישט קיין פּראָפּעלערס, ס'איז כמעט שטיל און רואיק. ס'דוכט זיך אוים אַז מען שטייט אויף איין פּלאַץ, מען פילט ניט אַז מען פליט אין דער לופטן אויף אַ צענטליק טויזנט מע־טער די הויך.

איצט זיצט דער רייזענדער און מאַכט אַ חשבון פון דער רייזע, פון דעם וואָס ער האָט געזען און געהערט, איבערגעלעבט און געפילט. אין זעקס וואָכן האָט דער רייזענדער געזען, איבערגעלעבט עמאָציעס, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרטיילט ווערן אין צענטליקער יאָרן. די צעלן אין מאַרך זיינען בפירוש איבערגעפולט, אַז ס'איז נישט מעגלעך אַריינצושטופּן אין זיי, אפילו נאָך איין איינציקע עמאָציע, איין איינציקן איינדרוק. אָט איז ווידער געווען ניו־יאָרק, די גרויסע צאַפּלדיקע וועלט־מעטראָפּאָליע, ווידער געזען אַ סך מענטשן, געשמועסט, דערציילט און געהערט. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק, ווייל נאָך אַלעמען איז דעם מענטשנס אינטעלעקט שטאַרק באַגרענעצט, מען קען ניט אַריינשפּאַרן אין מאַרך, נייע איינדרוקן, כל זמן דער מוח איז איבערגעפולט מיט די פריערדיקע.

לאַנגע דורות האָבן געהאָפט צו מאַכן אַזאַ רייזע, צו זען דאָס הייליקע לאַנד. זיי איז עס ניט באַשערט געווען, אַז זייער וואונטש זאָל דערפילט ווערן. ווען זיי האָבן זיך, צו די עלטערע יאָרן מיאש געווען פון דער האָ־פענונג צו זען, צו גיין מיט די פיס אויף דער ערד פון ישראל, האָבן זיי זיך געטרייסט: נו, מיר איז נישט געווען באַשערט, וועט מיין זון, אָדער מיין אייניקל זוכה זיין צו דעם גליק.

איז אָט דאָס אייניקל, וואָס זיצט איצט ביים פענסטער אין דזשעט אַעראָפּלאַן, און קוקט אויף די וואלקנס, אונטן, און אויף די בלויע הימלען, אויבן. אָט אים, גראָד אים, איז עס צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד און דער

זכות פון לאַנגע דורות. ווי מערקווירדיק און ווי אומפאַרשטענדלעך זיינען די גורלות פון די מענטשן.

און דער מענטש קלערט: איצט וועט עס שוין ניט דויערן אַזויפיל לאַנגע דורות און יאָרן. אויב מיר וועט ניט זיין באַשערט מאַכן נאָך אַמאָל אַזאַ רייזע, וועט עס זיכער מאַכן אַ זון אָדער אַן אייניקל. צוריקקערן זיך אין גאַנצן קיין ארץ ישראל איז ביי היינטיקע ציטן, נישט וואַרשיינלעך. נישט אַלע זיינען זוכה צו דעם. אפשר איז עס אויך „מן השמים" (אַזוי אָנגע־צייכנט אין די הימלען) כל זמן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געציילט אין אַ פּאָר מיליאָן, האָט מען זיך פאַרגעשטעלט אַ שיבת ציון פון גאַנצן פאָלק. היינט ברוך השם, ווען יידן ציילן זיך אין איבער צוועלף מיליאָן, כן ירבו, קען קיין רייד ניט זיין, אַז אַלע יידן זאָלן זיך צוריקקערן קיין מדינת ישראל.

ס'איז ניט קיין פראַגע צו מען איז יע צופרידן אָדער ניט. אַ פאַקט איז, אַז אין משך פון די צוויי טויזנט יאָר גלות, זיינען יידן אויסגעוואַקסן אָן עין הרע, אין איכות און אויך אין כמות. דער גורל פון יידישן פאָלק איז פאַר־בונדן מיט ישראל, מיט דעם קליינעם אָבער מעכטיקן לאַנד אין מזרח. אָבער גלייכצייטיק איז דער יידישער גורל אויך געבונדן מיט אַלע פעלקער, מיט אַלע לענדער. שטרעבט דען נישט די וועלט צו אוניווערסאַליזם? וואָס ווייטער ווערט איינגעבירגערט די אידייע פון דער מענטשלעכער ברידער־לעכקייט. אמת איז אַז דער לאָזונג „נאַציאָנאַל אין פאָרעם און אוניווערסאַל אין אינהאַלט" איז פאַרשוועכט געוואָרן, פּונקט ווי אַ סך גרויסע אידעאַלן זיינען פאַרשוועכט און פאַרשעמט געוואָרן. מעגלעך אַז דאָס יידישע פאָלק, דאַרף אויפהויבן די צוטראָטענע פאָנען פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט פון מענטשלעכער ברידערשאַפט און חשיבות, און עס צוטראָגן אין אַלע ווינקלען.

ווייל ווי אינטענסיוו, טיף און ברייט, מדינת ישראל זאָל זיך אַנטוויק־לען, וועט דער גרעסטער טייל פון עם ישראל פאַרבלייבן אין די תפוצות. אין פופציק יאָר אַרום וועט מדינת ישראל מעגלעך ציילן ביי פינף מיליאָן איינוואוינער, אָבער דאַן וועט עם ישראל ציילן, — אַזוי האָפן מיר — מיט מיליאָנען מער ווי היינט. און ס'וועט קיין פּלאַץ ניט זיין פאַר אַלע יידן פון דער וועלט צו איינזאַמלען זיך אין ישראל.

דער מאמר חז"ל, וואָס זאָגט אַז דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, איז געגליכן ווי ער וואָלט געהאַט אַ גאָט, איז ריכטיק נאָר ווען מען שטעלט נאָך דעם אַ פּונקט. דער אַנדער האַלבער טייל איז היינט, ביי דער היינ־טיקער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, מער נישט אויסגעהאַלטן. מען קען וואוינען אין חוץ לארץ און האָבן אַ גאָט. גלויבן אין גאָט, זיך אויסלעבן לויטן יידישן שטייגער, אָנהאַלטן די יידישע ירושה, איר פאַרצווייגן און פאַרטיפן. איז דאָך ערגעץ אויך דאָ אַ מאמר „עתידה ארץ ישראל שתשפשט

בכל ארצות", אז דער ארץ ישראלדיקער גייסט וועט זיך אויסשפרייטן איבער אַלע לענדער. שוין מיט יאָרן צוריק האָט אַ יידישער חכם פאַרשטאַנען אַז אין אַ סך לענדער וועלן לעבן יידן און וועלן זיך נויטיקן אין ישראל גייסט, אינעם סימבול און אין דער אָנרעגונג פון מדינת ישראל.

יידן וועלן ווייטער פאַרבלייבן אַ וועלט פאָלק. צושפרייטע אינדזלען אין אַלע קאָנטינענטן. איז עס אַ קללה? איז עס אַ ברכה? אין תלמוד ווערט געבראַכט אַז ס'איז אַ ברכה, ווייל אַזוי אַרום האָבן זיך יידן געקענט ראַטעווען פון איין לאַנד אין אַ צווייטע, פון איין קאָנטינענט אין אַ צווייטן. אין אונדזערע טעג האָבן מיר אויך געקענט זען אַז די יידישע צושפרייטקייט איז געווען אַ גליק. דער אייראָפּעישער יידנטום איז שיר ניט חרוב געוואָרן, אָבער דער יידנטום וואָס האָט געלעבט אין אַנדערע קאָנטינענטן האָט זיך געראַטעוועט. בנוגע מדינת ישראל, איז עס אויך געווען אַ ברכה וואָס יידן פון אַ סך לענדער האָבן געקענט, געהאַט דעם זכות, איר, די מדינה, צו העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן, ביז הייגט און ווייטער.

ס'פליט דער דזשעט אין די הימלען און אויך די געדאַנקען. ס'איז איצט אַ שעת הכושר צו טראַכטן וועגן זאַכן געשעעענישן און אידייען. אין משך פון דער רייזע איז אפילו קיין צייט צו טראַכטן נישט געווען. יידישע אַנדערשקייט. אויב אימעצער האָט געדענקט אַז מיטן אויפקום פון מדינת ישראל, וועט די יידישע אַנדערשקייט פאַרשווינדן, יידן וועלן ווערן ככל הגויים, ווי אַלע פעלקער, מיט אַן אייגענער טעריטאָריע, מיט אַן אייגענער שפּראַך, ווירטשאַפט, עקאָנאָמיק, מיט אַ קולטור וואָס ציט איר יניקה פון אייגענע קוואַלן וכדומה, איז עס ווידער געמאַכט אַ טעות אין חשבון. יידן זיינען געווען אַנדערש און וועלן ווייטער פאַרבלייבן אַנדערש. דער רוב מנין פראַנצויזן אָדער יוגאָסלאַוון, לעבן אויף זייער טעריטאָריע, אין זייער לאַנד. דאָס יידישע פאָלק וועט — סיידן בדרך נס, — זיך צונויפקומען אין גרעסטן פּראָצענט, אויף אייגענער טעריטאָריע. דאָס רעטעניש „יידנטום" איז ניט געלעזט געוואָרן מיטן אויפקום פון דער מדינה. דער יידישער פּראָבלעם איז ניט געלעזט געוואָרן, טאָטאַל, און איז ניט אויסגעשעפּט געוואָרן. צו ס'איז גוט אַזוי? דאָ קען קיינער נישט משפּטן, ווייל אַזוי און ניט אַנדערש איז דער גורל פון יידישן פאָלק. יידיש פאָלק איז אַנדערש ווי אַנדערע פעלקער.

דער אויפקום פון דער יידישער מדינה איז אַ ליכט שטראַל, וואָס זאָגט אָן אַ נייעם פרימאָרגן. דער בראשית פון איבערשאַצן אַ סך פילאָזאָפישע שיטות און אָנגענומענע אַקסיאָמעס. אויב די יידישע אתחלתה דגאולה (דער אָנהויב פון דער גאולה) האָט פאַרשפּעטיקט, איז עס אין טלעכע יאָר, אין טלעכע צענטליק יאָרן. ניט נעמענדיק אין אַכט אָט די קליינע פאַרשפּעטיקונג, איז דער אָנהויב פון דער גאולה געקומען אין צייט. אין

צייט ווען יידן פון דער וועלט האָבן די מעגלעכקייטן אויסצושטרעקן אַ האַנט דער מדינה, אויף אַלע געביטן. העלפן אויפבויען אַ מדינה וואָס זאָל שטיין אויף אַ הויכע מדרגה פון טעכניק, פון קולטור און פון אַנטוויקלונג אינעם גייסט פון דער צייט, ניט עפּעס אַן אָריענטאַלישע מדינה פאַרגעסן ערגעץ אינעם מזרח, נאָר אַ מדינה וואָס וועקט רעספּעקט פאַר אירע דערגרייכונגען און אירע דערפאָלגן. דאָס איז נאָר מעגלעך געווען אין דער היינטיקער עפּאָכע. די אידייע פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט האָט געדאַרפט רייף ווערן, און די מדינה איז אויפגעקומען פּונקט דאַן ווען די אידייע איז געוואָרן צייטיק, רייף. ווען ס׳וואָלט געשען אַ נס און די מדינה וואָלט אויפגעקומען מיט פופציק יאָר צוריק, פּונקט אינעם מאָמענט ווען דער גרויסער וויזיאָנער האָט עס פּאַרקלערט, איז ווער ווייס וואָס פאַר אַ מדינת ישראל, וואָלט היינט געווען, וועלכע שפּראַך ס׳וואָלט דאָרטן געהערשט און ווי וואָלטן אויסגעזען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

אויב פּאַרשפּעקטיקט איז אויף אַ צענטליק יאָרן. ווען די מדינה וואָלט אויפגעקומען אין 1938 אָנשטאָט 1948, וואָלטן זעקס מיליאָן יידן געראַטעוועט געוואָרן פון אומקום. ווידער אַמאָל שטייען מיר פאַר אַ גרויסער מיסטעריע: פאַרוואָס האָט טאַקע אונדזער גורל צוגעטראָגן די מדינה מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון צען יאָר?

פון וויטן זעען זיך שוין די קאָנטורן, פון מעקסיקע, די בערג און די ים-ברעגן, די טייכן און די שטעט. דאָס איז די היים וואָס קומט אַן אַנטקעגן. וויפל אַ מענטש זאָל זיך נישט באַמיען צו זיין ראַציאָנעל, צו זען די זאַכן פּשוט, קומען דאָך פאַר אין מענטשנס לעבן געשעענישן, וואָס מיטן שכל הישר, מיט ראַציאָנאַליזם, מיט היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און אַנדערע כלים, קען עס ניט דערקלערט אָדער פאַרענטפערט ווערן. אָט איז געקומען אַ קליינע עדה יידן אין מעקסיקע, אַ לאַנד וואָס זעלטן ווער האָט געגוי געוואוסט וואו ס׳געפינט זיך און ברוך השם געטראָפן. געטראָפן מיט דער פריינדלעכקייט פון דער באַפעלקערונג, מיט דעם דעמאָקראַטישן גייסט פון לאַנד, מיט דער פאַרשטענדעניש פון די רעגירער, און מיט דער גינסטיקייט פון דער עקאָנאָמיק. און ס׳האָט דאָך געקענט זיין גאָר אַנדערש! ווי אין אַ סך לענדער פון לאַטיין אַמעריקע.

און דאָ האָבן מיר געבויט אונדזער היים, אונטער דער וואַרעמער זון פון מעקסיקע האָבן מיר אויפגעבויט אונדזערע געצעלטן, פּריוואַטע און קאָלעקטיווע. אין פּאַרט וועראַקרוז, וואו מיר האָבן געלאַנדעט, האָבן מיר נישט געטראָפן קיין פריייהייטס סטאַטוע, וואָס זאָל אונדז באַגעגענען מיט פּאַטעטישע סטראָפן וועגן פרייהייט און גלייכהייט. נישט קיין מאַרמאָרענע סטאַטוע האָט צו אונדז גערעדט וועגן דער פרייהייט פון לאַנד, נאָר ס׳האָבן גערעדט צו אונדז בראָנזהויטע, פריינדלעכע מענטשלעכע מענטשן. אַ טונקל

הויטיקער מאַן, מיט אַ ברייטן שטרוי הוט, מיט טיף שוואַרצע אויגן און אויסגעהאָרעוועטע הענט, האָט אונדז, עמיגראַנטן פון פרעמדע לענדער, באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן „ביענווענידאָ", ווילקאָמען, ברוך הבא. מיר האָבן אָנגענומען זיין אויסגעשטרעקטע האַנט און מיר האָבן זיך פאַרבריידערט. מיר האָבן ליב געקראָגן אונדזער נייער היים, און זיך פאַרוואָרצלט. מיר שפּאַנען צוגלייך דער ליכטיקער צוקונפט פון מעקסיקע. מיר האָבן אַן איינענעם דרך אָבער אַ געמיינזאַמען ציל.

אָט באַווייזט זיך די שטאָט מעקסיקע. ווען מיט יאָרן צוריק האָט אַ רייזענדער איר באַצייכנט מיטן טיטל „די שטאָט פון פּאַלאַצן" איז עס אפשר דאַן געווען אַ חניפה. היינט איז מעקסיקע די „שטאָט פון פּאַלאַצן" ניט דווקא פּאַלאַצן פאַר פּריווילעגירטע, נאָר פּאַלאַצן, ריזיקע געביידעס וואו ס'וואוינען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, מיטל־קלאַס און אינטעליגענץ. מיט דער האָפענונג אַז וואָס ווייטער, וועלן די עמך־מענטשן ווערן די איינוואוינער פון באַקוועמע פּאַלאַצן.

דאָ, אין דער שטאָט, ניט גראַד אין אַ פּאַלאַץ, נאָר אין אַ לייטישע געביידע, געפינט זיך די היים. דער אָנהויב און דער ענד־ציל פון דער רייזע, פון אַלע רייזעס. דאָ לעבן מיינע מיט־בירגער, מיין עדה און מיין משפחה. אַרונטערגייענדיק פון אַעראָפּלאַן און באַטרעטנדיק די ערד פון מעקסיקע, די היימישע ערד, די זון איז צעשטראַלט, דער לופט־פּאָרט איז פול מיט מענטשן, צווישן זיי געפינען זיך נאָענטע און טייערע וועלכע זיינען געקומען אָפּוואַרטן די צוריקגעקומענע פון ווייטן וועג. דאָס האַרץ ווערט פול מיט פרייד, מיט דערוואַרטונג אַרומצונעמען די נאָנטע און זיי איינשליסן אין די אָרעמס, און פון די ליפּן קומט אַרויס דער אויסרוף: אַ דאַנק גאָט. מיר זיינען שוין אָנגעקומען אַהיים.

דאָס דאָזיקע בוך איז געדרוקט געוואָרן!
אין דער דרוקעריי „אימפּרענטאַ מאָ־
דערנאַ” פון מאַנועל פּינטעל. — ד”ר
גאַרסיאַדיעגאָ 28, מעקסיקע 7, ד. פ.

Este libro se imprimió en los talleres
de la "IMPRENTA MODERNA" —
Manuel Pintel. Dr. Garciadiego Nº 28
México 7, D. F.